פּירצענטער יאָרגאַנג
№ 38
Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פּרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער [illegible]

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
ערשטע אַלעע 6. – טעלעפאָן 201.

Piątek 20 września 1935 | ליכט-צינדען 5.42 | פרייטאג פ' נצו"י כ"ב אלול תרצ"ה.

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

אונזער ליבען ברודער און שוואָגער **יעקל באָרזיקאָווסקי** צו דער חתונה
פון זיין זוהן **זיסקינד** מיט פרל. **רבקה קאָזשוך** ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב.
זאָל דאס יונגע פּאָר האבען א גליקליך צופרידען צוזאמענלעבען.
בענדין **לעאָן באָרזשיקאָווסקי און פרוי.**

אונזער חשובע מיטארבייטערין פרוי **האנקא קויפמאן** און **פאמיליע**
צוליעב'ן טויט פון איהר ברודער

נ"ע זינדל גוטערמאַן

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
פירמע **פראנק** און **שאיא.**

דער **פאַמיליע גוטערמאַן**
צוליעב'ן טויט פון זייער הייסגעליבטען מאן און פאָטער

נ"ע זינדל

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
פירמע **האָראָוויטש** און **שותפים.**

דער **פאַמיליע גוטערמאַן** אין זייער גרויס אומגליק צוליעב'ן טויט פון זיין
ליעבען מאן און פאָטער

נ"ע זינדל

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
אברהם באָרזיקאָווסקי און פרוי

Pani **HANCE KAUFMAN** z powodu śmierci Jej brata

b. p. Z. GUTERMANA

składają wyrazy szczerego współczucia
personel biurowy i pracownice fabryki spinek Frank i Szaja.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע גוטערמאַן** צוליעב'ן טויט פון
זייער הייסגעליבטען מאן און פאָטער

נ"ע זינדל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
בעריל האָפמאַן און **פאַמיליע.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאַמיליע גוטערמאַן** צוליעב'ן
טויט פון זייער מאן און פאָטער

נ"ע זינדל

לייב לעדערמאַן און **פאַמיליע.**

Wyrazy szczerego współczucia FRANI GUTERMAN spowodu przedwczesnego zgonu Jej

b. p. OJCA

składają koledzy
F. Rodał, H. Dykierman, J. Benclowicz.

Koledze naszemu SZMULKOWI GUTERMANOWI wyrażamy szczere współczucie spowodu śmierci

b. p. OJCA Jego

Romek Fajgenblat i Felek Granek, Bielsko.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזערע שכנים **פאַמיליע גוטערמאַן** צוליעב'ן
טויט פון זייער מאן און פאָטער

נ"ע זינדל

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
מ. פייגענבלאַט און פאַמיליע.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאַמיליע גוטערמאַן** צוליעב'ן
טויט פון זייער ליעבען מאן און פאָטער

נ"ע זינדל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
א. אבראַמאָוויטש און **פאַמיליע.**

אַכטונג וויעלון און **אומגעגענד!**
די פירמע
JÓZEF MEITLIS i S-ka, Spółka z ogr. odp.
SOSNOWIEC, MAŁACHOWSKIEGO Nr. 4
שטעלט צו ערשטקלאסיגען קאָקס, וואגאָן = ווייז צו קאָנקורענץ-פרייזען
פון די בעוואוסטע מארקעס **„WOLFGANG"** און **„GOTTHARD"**
די אויבענדערמאָנטע פירמע
האָט די גענעראַל-פערטרעטונג אויף וויעלון און **זלאטשעוו.**

זונטאָג, דעם 22 ווזשעשען 1935 י. (כ"ד אלול תרצ"ה) 10 א זייגער פריה, אויפ'ן קבר פון אונזער
ליעבער און אונפערגעסליכער טאָכטער און שוועסטער

ב"ע הינדה באטשאן

וועט פאָרקומען די ענטהילונג פון דער מ צ ב ה און ס'וועט אָבגעריכט ווערען אַ ה ז כ ר ה, אויף וועלכער ס'לאַדנען איין פריינד
און בעקאַנטע די נישט געטרייסטע
עלטערן און געשוויסטער.

די אַלע, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער

ב"ע זינדל גוטערמאן

וועלכע איז פאָרגעקומען מיטוואָך ד. 18 סעפטעמבער 1935 י. (כ' אלול תרצ"ה) דריקען אויס דעם איניגסטען דאַנק
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טאָכטער און **פאַמיליע.**

מודיעים אנו בזה שמת עלינו שתפנו היקר מר

צבי יהודה גוטערמן ב"ע
(זינדל)

ומשתתפים אנו בצערם העמוק של משפחתו
הפירמה איצקוביץ וגוטערמן.

Głęboko poruszeni przedwczesnym zgonem naszego szefa

b. p. ZYNDLA GUTERMANA

składamy tą drogą **rodzinie** zmarłego wyrazy szczerego współczucia i żalu
personel biurowy firmy Ickowicz i Guterman.

אויף די קומענדע **ימים-טובים!**
עמפּפעהלט איך אַ גרויסען אויסוואהל **ברילען, בינאָקלען**
לויט די נייעסטע פאַסאָנען מיט די בעסטע גלעזער גענוי
אויסגעפיהרט לויט די פאַרשריפטען פון די ה"ה אָקוליסטען.
פאַכמענישע אויספיהרונג. פאַסונג גענוי לויט די מאָסען.

Optyk Medical Z. ERNER
II-ga Aleja 31
איינציגער יודישער אָפּטיקער. — די נידריגסטע פרייזען.

Najgłębsze wyrazy współczucia RODZINIE KAMIONER z powodu zgonu Ich Córki

b. p. ZOSI

składają: S. Steierowie,
J. Goldsztajnowie
Wieluń H. Rozenbaumowie.

נ"ע שמואל נפתלי וויינשטאַק

איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען.
די לויה איז פאָרגעקומען דינסטאג, ד. 17 סעפטעמבער 1935 (י"ט אלול תרצה)
גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אַ דאנק די אַלע, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער
לויה און אָבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, טאָכטער, איידעם, ברידער, שוועסטער,
אייניקלעך און פאַמיליע.

Pani N. NUSBAUMOWEJ oraz Rodzinie z powodu zgonu Ich Ojca

b. p. S. N. WAJNSZTOKA

wyrazy szczerego współczucia składają
A. i R. Grankówne.

דער **פאַמיליע נוסבוים** צוליעב'ן טויט פון זייער פאָטער און שוויגערפאָטער

נ"ע שמואל נפתלי וויינשטאַק

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
ישעיה גראַנעק און **פרוי.**

מיר פאָדערן ענטשעדיגונג פאַר אונזערע שאַדענס

עס איז אַן'אַלטער כלל, קוים זינ-דיגט איין יוד, זענען שולדיג אלע יודען, ווארט מען נישט אויפ'ן געריכט, וואס וועט פעראורטיילען דעם שולדיגען, נאָר מען נעמט נקמה אין אלע יודען.

עס איז פאָרגעקומען א סכסוך צווישען דער היגער „עליטא" פון דער אונטער-וועלט און דאסמאל איז גראָד דער'הרג'עט געוואָרען א נישט-יוד, איינער, וועלכער האט אויף זיין געוויסען א כך מענשליכע נפשות. נוצט דאס אויס די ענדעציע און אָרדענט-איין עקסצעסען אויף אונשולדיגע יודען, מען האקט אויס די שויבען און מען בעפאַלט דורכ-געהענדע יודען. ווען עס וואָלט דאס-מאל גראָד דער'הרג'עט געוואָרען דער יוד, וואָלט געווען שאַ, שטיל, סוואָלט קיינער קיין פיפס נישט געגעבען; דער גורל האט אָבער אנדערש געוואָלט און הונדערטער שויבען זענען אויסגעהאַקט געוואָרען און עטליכע יודען זענען פער-וואונדעט געוואָרען.

ווער איז פאַר דעם פעראנטוואָרטליך?

די דאָזיגע פראַגע איז אזוי וועה-טאגליך, אז מען קאָן וועגען דעם רו-היג נישט שרייבען. מיר מוזען אָבער דאָך האַמעווען אונזערע נערוועו און בעטראַכטען די זאך קאלטבלוטיג און זאַכליך.

אין א געשלעג צווישען יודען און קריסטען איז דער נישט יוד צופעליג דער'הרג'עט געוואָרען כאָטש דאס איז א זעלטענהייט, (ווייל געוועהנליך שטעלט זיך די זאך פאַר פונקט פער-קעהרט) נו, דאַרף מען דעם מערדער פער'משפט'ן דורך א געריכט. זענען מיר דאָך אָבער יודען די שוואַכע, ער-לויבט זיך דער המון אונטערגעהעצט פון די פעראינטערעסירטע גיפט מישער און מען איז זיך נוקם אין אונשולדיגע יודען.

עס איז געקומען צו פאהרען פון זאַוויערטשע אַ חסידישער יוד, וועל-כער איז דעם פאַטאַלען טאָג אוועק אויפ'ן בית עולם אויף קבר אבות, זענען איהם אַקעגען געקומען אַ באַנ-דע כוליגאַנעס מיט מעסערס אין די הענד און מיט'ן אויסגעשריי: „אַט איז דער יוד, וואס האט ערמאָרדעט קלויש-ניאַקען, איהם געוואָלט דערשטעכען און נאָר על פי נס איז ער ניצל גע-וואָרען פון אַ זיכערען טויט.

אַט אַזוי זעהט אויס די לאַגע און שוין, מעהר קיין פרושים דאַרף מען וועגען דעם נישט געבען...

מיר ווילען אָבער ביי דער געלע-גענהייט אָנווייזען אויף אַ נעגאַטיווע ערשיינונג פון אונזערע יודען גופא.

ביי די דאָזיגע אַנטי-יודישע אונרו-הען, וועלכע זענען פאָרגעקומען דעם פערגאַנגענעם זונטאג, האט דער פרע-זעס פון דער קהלה צונויפגעזאַמעלט מאַטעריאַל, כדי צו אינטערווענירען ביי דער געהעריגער מאַכט, ווען ער פערלאַנגט אָבער פון די געליטענע זאַכליכע בעווייזען, אָדער אז זיי זאָ-לען אָנווייזען קאָנקרעט אויף די אָנ-פאַלער, וויל קיינער נישט אויסזאָגען אויס פחד פאַר פאַלגען. דער רעזול-טאַט דערפון איז, אַז די אַרבייט ווערט פאַראַליזירט.

אַט דאס איז נאָך אַ גרעסערע טראַגעדיע ווי די אָנפאַלען גופא, אויב די שולדיגע ווערען נישט בעשטראָפט ווערען זיי נאָך מעהר חוצפה'דיג און ביי דער ערשטער געלעגענהייט מאַ-כען זיי ווידער אָנפאַלען, דאס דאַר-פען די יודען געדענקען און נישט זיין אַזוי פחדנות'דיג.

דאַן דאַרף זיין די אויפגאַבע פון אונזערע יודישע ראַטמענער אריינצו-טראָגען אויף דער נאָהנטסטער זיצונג פון שטאָדט - ראַט אַ אינטערפעלאַציע וועגען די זונטאָג'דיגע געשעהענישען, פאָדערן פון די געהעריגע אָרגאַנען ענטשעדיגונג פאַר די שאָדענס און פערלאַנגען, אַז אין דער צוקונפט זאָ-לען זיך אַזעלכע געשעהענישען נישט קאָנען ווידערהאָלען.

דאס איז אונזער רעכט צו פאָדערן אַלס בירגער פון לאַנד און אַלס ביר-גער פון שטאָדט.

מיר טאָרען זיך נישט אונטערגעבען דעם הו-האַ פון גאַס, נאָר פאָדערן אונזערע מענשליכע רעכט.

ש.

ווער זענען געווען די ערשטע ספאָרטלער אויף דער וועלט?

(ספאָרט-פעליעטאָן).

געווידמעט דעם „מכבי"-צוזא-מענפאָהר אין טשענסטאכאוו.

אזוי ווי עס זענען נור געבוירען געוואָרען די ערשטע צוויי ברידער: קין און הבל אויף דער וועלט, האט זיך דער ספאָרט שוין אָנגעהויבען צו ענטוויקלען. די תורה דערצעהלט אונז: „ויהי בהיותם בשדה — דאס הייסט אויפ'ן ספאָרט-פלאַץ (באָיסק בלע'ז)— „ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו" — קין האט לעולם נור געמיינט זיך אָבי-סעל צו באָקסען מיט זיין ברודער, אזוי אָבער, ווי דעמאָלס איז נאָך, כידוע, די וועלט ניש געווען אזוי-קול-טורעל און קיין דאָקטאָר איז נישט געווען בנמצא, וועלכער זאָל ביוואוי-נען דעם באָקס-מעטש און ענטגעגענ-קומען הבל'ן מיט הילף בעת ער האט בעקומען א „זבענק" על פי הלכות-הספאָרט. ויהרגהו — איז הבל געפאַלען טויט.

ישמעאל ווערט בעצייכענט אין דער תורה אלס „פרא-אדם", פונדעסטוועגען אָבער ווערט ער גערוהמט אלס ספאָרט-מאַן — „ויהי אלקים את הנער ויהי רבה קשת — ר'איז געווען אַנ'אויסגעצייכענטער צילער. „ידו בכל ויד כל אדם בו—ר'האָט נישט אדורכ-געלאָזט אפילו איין מעטש, אין וועל-כען ער זאָל זיך נישט בעטייליגען.

בעת רבקה האט נאָך געשוואַנגערט מיט'ן צווילינג יעקב און עשו, זאָגט דער פסוק: „ויתרוצצו הבנים בקרבה" — האָבען זיך די צוויי ברידער שוין געבאָקסט, אזוי אז רבקה האט גע-טענה'ט: „אם כן למה זה אנכי" — אויב איהר זייט ספאָרט-לייט און ווילט באָקסען — האט איהר נישט געפונען קיין בעסערען „רינג", ווי ביי מיר אין בויך?

אויף יעקב'ן, זאָגט דער פסוק: „ויותר יעקב לבדו" — נאָכדעם, ווי ער האט זיך שוין נעהאט אָבגעזאָר סינגט מיט זיין ברודער עשו—„ויאבק איש עמו' — האט דער שר של עשו, בכדי די צייט צו פערטרייבען, עוסק-געווען מיט איהם אין הלכות-ספאָרט. ער האט זיך אָבער נישט געפיהרט לויט די דינים פון ספאָרט-שולחן-ערוך. „וירא, כי לא יכול" — זעהענדיג, אז ער איז א קנאַפער מאַכער און וועט זיין צד-שכנגד נישט קענען בייקומען — ויגע בכף ירכו — האט ער יעקב'ן מכבד געווען מיט א נאַקאַוט אויף אַזאַ מקום, וואס האט איהם געמאַכט אויף ווייטער אונפעהיג.

משה רבנו איז בעשטימט געוואָרען אלפ שידס-ריכטער ביי א ספאָרט צווישען א מצרי מיט אַנ'עברי, האט ער געזעהען: „והיה איש מצרי מכה איש עברי — דאס הייסט: ער באָקסט נישט, נור געפונענדיג א געלעגענהייט א יוד צו שלאָגען „שנייד'ט' ער וויפיל ער קען. דעריבער האט משה גע-פרעגט דעם מצרי: „למה תכה את רעך?" — פאַרוואס שלאַגסטו דיין ספאָרט-חבר. דאס איז דאָך נישט קיין באָקס, נאָר א פשוטע רציחה.

דער גרעסטער און שטאַרקסטער באָקסער איז געווען שמשון הגבור, ער האט דעמאָנסטרירט פערשידענע גבורות. „בלחי החמור" האט ער אוועקגעלייגט טויזענד מאַן. וועלענדיג זיך אמאָל סתם-פערוויילען — „ויפן זנב אל זנב" — האט ער צונויפגע-בונדען צוויי זנב'ס און האט זיין שונא געגעבען אַזאַ ברען, אז „ויבער אש"— ס'זענען איהם אוש געפלויגען פונקען פאַר די אויגען.

גלית הפלשתי — דעם גרעסטען גבור אין יענער צייט האט זיך דוקא פערוואָלט צו באָקסען זיך מיט א יוד. האט זיך איהם אוועקגעשטעלט דער קליינער דוד, געוואָרפען נור איין „גאָל" און איהם תיכף אָנידערגע-לעגט.

יפתח הגלעדי — זאָגט דער פסוק — איז געווען א בן אשה זונה, וואס עס איז ביי יודען א גרויסער שאַנד-פלעק. דאָך אָבער, ווייל ר'איז געווען א גבור-חיל, א גוטער ספאָרט-מאַן, האט דאס איהם נישט געשטערט צו ווערען א מושל ביי יודען.

א גרויס ספאָרט-נעיגע האט גע-פיהרט המן מיט מרדכי. אמאל איז געווען המן פון אויבען און מרדכי פון אונטען, און אמאָל פערקעהרט· סוף-כל-סוף האט מרדכי גובר-געווען, יע-דאָך אָבער איז המן געבליבען פון אויבען — אויף דער תליה.

* * *

די ערשטע ספאָרט-אָרגאניזאַציע א"נ „מכבי" איז געשאַפען געוואָרען אין ארץ-ישראל מיט העכער צוויי טויזענד יאָהר צוריק. איהר גרינדער און לי-טער האט זיך גערופען מיט'ן זעלבען נאָמען, ווי די אָרגאַניזאַציע: יהודה המכבי. ווי ווייט „מכבי" איז געווען פאָפולער ביי יודען, איז צו דרינגען דערפון, וואס צו איהר האט אויך גע-הערט אַזאַ וויכטיגע אויטאָריטעט, ווי דער אַלטיטשקער מתתיהו בן יוחנן כהן גדול. ווען עס איז געקומען די צייט אָבצורעכענען זיך מיט די יונים, וועלכע האָבען דאמאָלס רעגירט מיט'ן יודישען לאַנד, אָבגעטהון די יודען געבראַכטע צרות, פערבאָטען זיי צו האַלטען די יודישע אמונה — זענען די מכביסטען געווען די ערשטע, וועל-כע זענען נעגאַנגען אין פראָנט און די יונים אזוי צושמעטערט, אז זיי האָבען געהאט נסים, אז עס איז פון זיי גע-בליבען א שריד ופליט. דעריבער זאָ-גען מיר חנוכה „על הנסים"...

דעם קומענדיגען זונטאג קומט-פאַר אין אונזער שטאָדט א צוזאַמענפאָהר פון „מכבי". דאס איז נישט סתם א צוזאַמענפאָהר — נור לויט די לעצטע טעכנישע ערפינדונגען—א „צוזאַמענ-פליה". פון אלע עקען וועלען קומען צו פליהען קיין טשענסטאָכאוו „מכבים-טען", כדי צו ווייזען זייערע גבורות.

מיר ווינשען זיי: „עלה" — זייט שטענדיג פון אויבען; „רכב" — תמיד זאָלט איהר רייטען אויף אייערע געג-נער; „וצלח" — האט ערפאָלג אין אלע אייערע קאַמפען!

יחיאל.

דאָס מאָדנע געשעעניש מיט די טשענסטאָכאָווער דאָזאָרעס

כמו-פעליעטאָן.

די ידיעה, אז מען האט איינגעזעצט עטליכע היגע דאָזאָרעס אין טורמע, האט ארויסגערופען אין שטאָדט א גע-וואַלדיגען שטורם. מאַסען מענשען האָבען אָנגעהויבען שטראָמען צו די טויערען פון דער יודישער קהלה, וועלכע זענען אָבער געווען פערשלאָ-סען אויף אלע שלעסער, און נישט קוקענדיג דעריויף, וואס מען האט גע-האַלטען אין איין קלינגען, האט זיך חנטשע אליין נישט בעוויזען.

די גאַס האט געטרויע-ט, איבער-הויפט איז די ערשטע אלעע געגאַנגען אויף רעדלעך. אַ־אַ, אָווא, אַזאַ מעשה, נעמען דאָזאָ־עס, דאס שיינדעל פון שטאָדט, און איינזעצען, ווי געוועהנליכע פערברעכער, פאַרוואס, פאַרוועןן?

באלד האָבען זיך פערשפרייט קלאַנ-גען, אז דער אַרעסט איז פאָרגעקומען צוליעב פאַפירלעך, וואס איין טייל דאָ-זאָרעס האָבען געשיקט אויף די אַנדע-רע, ד"ה וואס די אָפּאָזיציע האט גע-וואָלט שיקען אויף די דאָזאָרעס פון דער מעהרהייט. אזוי אָבער ווי ס'איז בעוואוסט געוואָרען, אז אויך די אָפּאָ-זיציע-דאָזאָרעס זענען אַרעסטירט, איז שוין דער חשד אָבגעפאַלען און דער עולם האט זיך ווייטער געהאַלטען אין איין ברעכען דעם קאָפּ וועגען דער סיבה פון זייער אַרעסט.

דערווייל זענען זיך אונזערע דאָזאָ-רעס געזעסען אין די קאַמערן מיט זייערע גלייכען — מיט קרימינעלע פערברעכער און געוואַרט אויף דער אויספאָרשונג.

דעם ערשטען האט מען אויסגע-פרעגט דעם אגודה-פאָרשטעהער.

זאָגט מיר, פאַניע — האט זיך גע-וואָנדען צו איהם דער אויספאָרשונגס-ריכטער — וואס פאַר א שייכות האט איהר מיט די שוחטים, פאַרוואָס פער-טיידיגט איהר זיי אזוי שטאַרק, איבער-הויפט נעמט איהר זיך אָן פאַר איין שוחט, וועלכען איהר וואָלט גערן גע-געבען די גאַנצע הכנסה פון דער שחיטה, סיי פון די עופות און סיי פון די בהמות.

דאַן איז אונז קשה, וואס איהר זענט ברוגז מיט די פילצער חסידים, וועל-כע האָבען געשטימט פאַר אייך, אז איהר זאָלט אויסגעוועהלט ווערען אין דער פערוואַלטונג. צי שטעקט נישט דערין עפּיס א דיפּלאָמאַטיש שפּיצעל. יאָ, פאַניע, אויף דעם זענט איהר א מייסטער, מיר אָבער מוזען דערגעהן דעם גאַנצען אמת. ס'וואונדערט אונז אויך, וואס איהר, א פאָרשטעהער פון דער פרומער „אגודה" לעבט עפּיס צו-גוט מיט'ן פרעזעס, וועלכער איז גאָר א דעמאָקראַט — צי שטעקט דאָ נישט עפּיס א געהיימע פערשווע-רונג?...

דעם צווייטען האט מען אויסגע-פאָרשט דעם פאָרשטעהער פון דער אָפּאָזיציע, וועלכער זיצט אויף דער „מזרח"-וואַנד. זאָגט מיר — קוקט אויף איהם מיט דורכדרינגענדע אויגען דער אויספאָרשונגס - ריכטער — פאַרוואָס האַלט איהר אין איין קריטיקירען די טעטיגקייט פון דער יעצטיגער פער-וואַלטונג און איהר ווייזט נישט אָן קאָנקרעט, מיט וואס זי איז שלעכט. און פאַר וואס, קלערט אונז אויף, איז ביי אייער הערשאַפט אלץ געווען כשר וישר, נאָר היינט, אז איהר „זשאָנדע-וועט" נישט, טויג שוין אלעס נישט. זאָגט אונז אויך, אפשר שטעלט מען אוים די מקוה אויף א ליציטאַציע אָדער אפשר נאָר נעמט מען וויניג פאַר קיקע'ס אָדער כ'ווים, אפשר נעמט מען צופיעל פאַר שחיטה-געלד, זאָגט, שעמט אייך נישט.

דעם דריטען האט מען גענומען אויפ'ן צימבעל דעם „וויצע", וועלכער האט זיך געהאַלטען אין איין גלעטען די פּאַטריאַרכאַלע באָרד.

פאַניע וויצע — האט זיך צו איהם געוואָנדען דער „סענדזשע" — איהר זענט דאָך עפּיס די צווייטע האַנד פון פרעזעס, טאָ ערקלערט אונז, צו וואס האט מען געדינגען א נייעם קהלה-לאָ-קאַל, מיט אַזאַ קאָמפאָרט און דערצו אויף דער עי־שטער אלעע; מיט וואס איז דער לאָקאַל אין נייעם מאַרק, ווען אפילו מיט די קאָסטענס אין הויז און מיט'ן שטרוי אויף די שטיגען, שלעכט געווען. אדרבה, אויב איהר וועט מיר קאָנען אויף דעם ענטפערן, וועט מען אייך באַלד בעפרייען. ווי לאַנג אָבער איהר וועט נישט געבען קיין קלאָרע תשובה, וועט איהר בלייבען אין אַרעסט.

צו דעם עטאַט-איינמאָהנער מיט די גרויסע וואָנסען, האט דער אויספאָר-שונגס-ריכטער געהאט א טענה, הלמאי ער האט נישט קיין רחמנות אויף די גבירים, נעביך, און מאָהנט איין פון זיי דעם עטאַט מוט'ן חימר-הדין. עס איז א צייט — האט געטענה'ט דער ריכטער — וואס מען מוז רחמנות האָבען אויף נבירים, וועלכע לעבען איבער א קריזיס און דעריבער ביז איהר וועט נישט בעפרייען אלע גבי-רים פון עטאַט און איהם ארויפלייגען אויף די אָרימע-לייט, וועט איהר זיך פון אונזערע הענד נישט ארויסקרי-גען.

דאַן האט מען גענומען אויפ'ן פער-הער די פאָ־שטעהער פון די ציונים מען, איהר זענט דאָך עפּיס — זאָגט מיט א שטרענגען טאָן דער אויספאָר-שונגס-ריכטער — די קאָנטראָלערען פון פאָלקס-פערמעגען, איהר זענט דאָך פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן רכוש פון דער קהלה צוליעב וואָס איהר האט אפילו אייער פּאַרטיי-לאָקאַל איבערגעטראָגען הארט צום קהלה-לאָקאַל, אזוי אז איהר זאָלט קאָנען האָבען איבער איהר א שטענדיגע השגחה, טאָ מוזט איהר אונז אויסזאָגען, וואָסערע גנבות דאָרט קומען פאָר; אַנדערש וועט מען אייך נאָך חס ושלום חושד זיין, אז אויך איהר זענט נישט זעהר אָבצוהיטען דעם פאָלקס-גראָשען, כאָטש אויף אייך און אייערע חברים קאָן מען אַזעלכעס נישט גלויבען. פאָרט אָבער, אז איהר קאָנט נישט אָנגעטרויען דאס קהלה-פערמעגען, מסתמא ווייסט איהר דאָך וואס איהר רעדט.

די האַנדווערקער-פאָרשטעהער האט מען פאָרגעוואָרפען, אז זיי האָבען נישט קיין פעסטע שטעלונג אין אלע קהלה-פראַגען, ווייל אינדערצייט, ווען ס'הארץ דיקטירט צו האַנדלען רעכטס, הויבט די האַנד זיך און שטימט אויף לינקס, דעריבער ווערען זיי בעשול-דיגט לויט'ן פאַראַגראַף, וועלכער לוי-טעט, אז דער קאָפּ מיט'ן הארץ מוזען זיך אין אלע פראַגען אויסגלייכען.

דעם פאָרשטעהער פון קליין-האַנדעל האט דער ריכטער געגעבען די האַנד, בעגריסענדיג זיך מיט איהם מיט א „סערוואוס", אזוי ווי מיט אַנ'אַלטען בעקאַנטען און איהם געהייסען זע-צען...

ווען אלע זענען שוין אויסגעהערט געוואָרען, האט מען טעלעפאָניש ארויסגערופען דעם פרעזעס, וועלכען מען האט צוליעב דרך-ארץ פאַר זיין גרויסען קאָפּ נישט אַרעסטירט. ווען דער פרעזעס איז געקומען און האט דערזעהען די גאַנצע חברה דאָזאָרעס אונטער די קראַטען, האט ער זיך אויסגעווישט די ברילען, כדי ס'זאָל פאַר איהם זיין קלאָרער, צי דאס וואס ער זעהט, איז נישט קיין חלום. און ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז זיי-נע מענשען זיצען טאַקי אין אַרעסט' האט זיך אויף זיין פנים בעוויזען א שמייכעל.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער האט אויפגעכאַפּט דעם פרעזעס שמייכעל און איהם נעפּ־ענט, וואָס דאָס בעדייט. דעריויף האט דער פרעזעס געגעבען פאָלגענדע תשובה:

כל-זמן די דאָזאָרעס וועלען זיצען אין דער קהלה, וועט דאָרט קיין אָרדנונג נישט זיין, ווייל טאָמער זאָגט איינער אזוי, מוז דער אַנדערער זאָגען אַנדערש, דעריבער קען מען קיינמאָל צו קיין טאָלק נישט דערגעהן. אויב אָבער די דאָזאָרעס וועלען אַנשטאָט אין דער קהלה, זיצען דאָ, בין איך אייך מבטיח, הערר ריכטער, אז אין משך פון דריי חדשים וועט מען נישט נאָר אויסגלייכען דעם בודזשעט, נאָר מען וועט נאָך אויסצאָהלען א ביסעל חוביה, וואס די אלטע פערוואַלטונג האט אונז איבערגעלאָזט אלס „מתנה"; דער עיקר, וואָס מען וועט איינמאָל פאַר אלע מאָל לעזען די פערשאָלטע-נע שחיטה-פראַגע און זיך געבען אַנ-עצה סיי מיט די קהלה-שוחטים און סיי מיט די לינקע שוחטים' כל-זמן אָבער מען וועט ביי יעדער פראַגע דאַ־פען אָבהאַלטען זיצונגען, וועט קיין אָרדנונג קיינמאָל נישט זיין.

דערהערענדיג די ערקלערונג פון פרעזעס, איז צווישען די אַרעסטירטע דאָזאָרעס געוואָרען אַ סומאַטאָכע. אלע האָבען אָנגעהויבען שרייען, ליאַרמען, מאַכען קולות, אז מען האט געקאָנט טויב ווערען.

פון דעם דאָזיגען געשריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איינ-געזעהען, אז דאס איז נישט געווען מעהר ווי אַנ'אויפּטערלישער חלום, וועלכער איז געבוירען געוואָ־ען אין מיין פאַנטאַזיע א דאַנק דעם, וואָס כ'האָב געלעזען, דאס אין וואַרשאַ האט מען אַרעסטירט עטליכע דאָזאָ-רעס.

טראַכטענדיג אָבער אריין אין דעם מאָדנעם חלום, האָב איך זיך דערמאַנט אין דעם מאמר, אז אין יעדען חלום איז דאָ א שמץ פון אמת...

סמאל

„טורן-צרות"

אביסעל זכרונות געווידמעט דעם 20־יעהריגען יובל פון היגען יודישען טורן און ספארט-פעראיין

דאָס איז געווען מיט 20 יאהר צוריק. דער נאָר-וואס בעגרינדעטער יודישער טורן-און ספאָרט-פעראיין האט איינגעאָרדנעט זיין ערשטען אויפטריט אין טעאטער „נאָוואָשטשי", ערשטע אללע 12 (היינט „עדען") און איך האָב גענומען אנטייל אין ליטעראַרישען טהייל און געהאַלטען א מאָנאָלאָג „טורן-צרות" (דעם נאָמען פון מחבר געדענק איך שוין נישט).

אין מאָנאָלאָג ווערט דערצעהלט ווי אזוי א פאָטער בעקלאָגט זיך אויף זיינע 4 זוהן איינער איז פרעזעס אין פערשידענע געזעלשאַפטען; דער צווייטער איז ווידער אַ זינגער און האַלט אַ גאַנצען טאָג אין איין זינגען: פא סא מי רַא דאַ; דער דריטער געהער ווידער צו אַ דראַמאַטישען קרייז, שטעהט ער אַ גאַנצען טאָג ביים שפיגעל און מאַכט גרימאַסען, דראַמאַטעוועט, אַזוי אַז דער פאָטער האָט נישט פון זיי קיין נחת. האָט ער אָבער אַ פיערטען זוהן שמואליק, וועלכער איז שוין יאָ אַ געראָטענער זוהן, אַרבייט שוין מיט'ן פאָטער אין געשעפט, נאָר לעצטענס בעמערקט דער פאָטער ווי דער שמואלעק ווערט יעדען אָווענד פערשוואונדען און ווען ער שפירט איהם נאָך, ווערט ער געוואויר, אַז ער געהט ספאָרטעווען. פערדריסט עס דעם פאָטער, וואָס זיין געראָטענסטער זוהן פון וועלכען ער האָט געהאָפט צו האָבען נחת איז אויסגעגאַנגען לתרבות רעה און איז געוואָרען אַ קאָמעדיאַנטשיק, אַ קאַזשעליק-מאַכער און ווען דער פאָטער מוסר'ט דעם זוהן הלמאי ער האָט זיך גענומען צו אַזאַ מלאכה בזויה, ווערט ער געוואויר, אַז אויך זיין יונגסט טעכטעריל סאָניא איז אַזאַ קונצענמאַכערין און געהער אויך צום קאָמעדיאַנטען-פעראיין.

אָט דעם מאָנאָלאָג האָב איך געלייענט אויפ'ן ערשטען אויפטריט פון יודישען טורן-און ספאָרט-פעראיין.

מיט אַ פאָר חדשים שפעטער איז מיר צופעליג אויסגעקומען צו זיין שבת אין פראָשקאָ.

אין דעם שטעדטיל פראָשקאָ איז דאַמאַלס געווען 2 ביבליאָטעקען. איינע א ציוניסטישע א. נ. פאָרטס בילדונג-ביבליאָטעק די צווייטע א בונדיסטישע א. נ. זעלבסט-בילדונג ביבליאָטעק, ווי אין אַ'לע קליינע שטעדטלעך האבען די ביבליאָטעקען געפיהרט צווישען זיך א פערביטערטען קאַמף.

איך האָב נאַטירליך נישט געהאַט קיין אַהנונג וועגען דעם אַלעם און נישט קוקענדיג דערויף וואס כ'בין געווען מעהר נוטה צו די לינקע האָב איך פונדעסטוועגען בעזוכט אויך די ציוניסטישע ביבליאָטעק און זיך אינפאָרמירט וועגען איהר טעטיגקייט.

דעם זעלבען אווענד האט די זעלבסט-בילדונגס ביבליאָטעק איינגעאָרדנעט א פאָרשטעלונג שולמית, פון א. גאָלדפאַדען. צו וועלכע עס זענען געקומען פון די אַרומיגע שטעדטלעך געסט. צווישען אנדערע זענען אויך געקומען פון קרשעפיץ מיינע פריינד, מיכאל רוזשעוויטש, יוסף רובינשטיין א. אנד.

פערשטענדליך, אַז איך בין אויך געווען אין זאַל. ווען די פאָרשטעלונג האט זיך געענדיגט, האָבען מיינע בעקאַנטע דוקא פערלאַנגט, אַז איך זאָל אויפטרעטען מיט א דעקלאַמאַציע אָדער מאָנאָלאָג. האָב איך דאָך מסתמא פראָטעסטירט, ווארום ווי איז דאס שייך נאָר, אַז מען האט מיך מיט געוואַלד ארויפגעטראָגען אויף דער ביהנע. האָב איך דאָך קיין ברירה נישט געהאָט. האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם מאָנאָלאָג פון טורן-צרות און האָב איהם אַנגעהויבען פאָרצולייענען.

לכתחילה, האט דעם עולם אויסגעהערט מיט שפאַנונג און ביי עטליכע מאָמענטען זיך אַפילו צולאַכט. נאָר בעת איך האָב געהאַלטען ביים דערצעהלען וועגען דריטען זוהן, וועלכער איז א דראַמאַטישער שוישפילער איז פלוצים ארויפגעקומען אויף דער ביהנע צינגעטאַנג, דער קאָמיקער פון דער פיעסע. אין גאַנצען גרים ווי אויך אין דער גאַרדעראָבע. און הייבט אָן אויף צוגעטאַנגס לשון צו מיר צו רעדען. און מאַכען פערשידענע העויות. לכתחילה, האָב איך געמיינט, אַז היות ווי מיין מאָנאָלאָג געפעלט זיי זעהר שטאַרק וויל דער צונגעטאַנג איהם „אַקאָמפּאַנירען" מיט זיין הומאָר, נאָר באַלד האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דא איז עפעס אנדערש, אַז דא שמעקט מיט א געפאַהר, ווארום אין זאַל האט זיך דערהערט קולות פון מיכאל רוזשעוויטש, וועלכען מען איז בעפאַלען, אויך אַנדערע מיינע פריינד האָבען בעקומען געשלאָגען. און איידער איך האָב זיך אָריענטירט וועגען וואס דא האַנדעלט זיך. בין איך שוין געווען אין גאַס.

אויפ'ן גאַס איז צו מיר צו א געוויסער אַלעקסאַנדראָוויטש און מיר געראַטען, אַז איך זאָל זיך בעהאַלטען איידער פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען קומען אָן, וועלכע וועלען מיך בעשטימט אַרעסטירען פאַר מיין געמיינהייט.

א טויט דערשראָקענער בין ערגיץ אַוועקגעשלעפּט געוואָרען, וואו מען האט מיך בעהאַלטען פאַר א בייז אויג.

א גאַנצע נאַכט בין איך געלעגען. נישט קאָנענדיג קיין אויג צומאַכען. האַלטענדיג אין איין טראַכטען. וואס פאַר א פערברעכען בין איך בעגאַנגען. ערשט אינדערפריה האָב איך זיך דערוואוסט דעם גאַנצען אמת.

אין פראָשקא זענען געווען די פיהרער פון דער זעלבסט-בילדונג-ביבליאָטעק עטליכע ברידער פרעהליך, וועלכע זענען אָנגעגאַנגען פאַר אַנטי-ציוניסטען אָט די דאָזיגע פרעהליכס זענען געווען 4 ברידער. דער עלטסטער מאַריץ איז געווען פרעזעס פון דער ביבליאָטעק און אויך פרעזעס אין אַנ'אַנדערע געזעלשאַפט. דער צווייטער אַדאַש. איז געווען א זינגער און אויך געשפּילט אויף א פידעל. דער דריטער מיעטעק איז געווען א מיטגליד אין דראַמאַטישען קרייז און טאַקע געשפּיעלט די ראָלע פון צינגיטאַנג. איז אזוי ווי כ'האָב געלעזען דעם מאַנאָ־לאָג וועגען די 4 זיהן, ווי דער ערשטער הייסט מאַריץ און איז פרעזעס דער צווייטער אַדאַש און איז א זינגער איז נישט אַנדערש נאָר אז איך האָב ספּעציעל געלעזען אַזאַ מאַנאַלאָג וואס זאָל זיי אָט די 4 ברידער קריטיקירען. און היות ווי כ'האָב נאָך בייטאָג קאָנפערירט מיט די מיטגלידער פון דער פאַרטס-בילדונגס-ביבליאָטעק האבען זיי מיך אָנגערעדט, אַז איך זאָל ארויסטרעטען מיט אזא מאַנאַלאַג, וואס זאָל דאָקוטשען די דאָזיגע 4 ברידער פרעהליך.

עס האט נישט געהאָלפען קיין שום פערטיידיגונג. אז איך האָב דעם מאָנאָלאָג געלעזען אויפ'ן טורן-אויפטריט אין טשענסטאַכאָוו, אַז דער זעלבער מאָנאָלאָג איז אבגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס. זיי האבען זיך געהאַלטען ביי ס'זייריגע, אז איך האָב בכוונה געלעזען דעם מאָנאָלאָג זיי אָבצוטהון א שפּיצעל. ווארום ווי דען אַנדערש. האָב איך געקאָנט אויסטראַכטען אַזעלכעס וואס איז ווי צוויי טראָפּען וואַסער ענליך צו זיי, נישט בלויז זייער בעשעפטיגונג נאָר אפילו די נעמען פון די העלדען זענען די זעלבע, וואס די ברידער פרעהליך.

זעהענדיג, אז איך וועל גאַר נישט מאַכען. בין איך שנעל אַוועקגעפאהרען פון פראָשקאָ. היטענדיג זיך ס'בינטעל ביינער, וואס איז געווען שטאַרק בעדראהט.

מיט צוויי יאהר שפעטער בין איך איינגעלאַדען געוואָרען אַלס רעזשיסער פון דער זעלבער זעלבסט-בילדונג-ביבליאָטעק אין פראשקא, וואו כ'האָב צוזאַמען געאַרבייט מיט די זעלבע פרעהליכס און וויפיעל איך האָב זיך נישט בעמיהט זיי אויפצוווייזען אויף זייער טעות און וועגען דעם פאַטאַלען צופאַל. האבען זיי זיך אַלץ נישט געקאָנט בערוהיגען.

אָט דער דאָזיגער מאָנאָלאָג טורן-צרות. האט מיר פערזענליך פערשאַפט גענוג צרות. און נאָך היינט ווען מיר דערמאָנען זיך אין דער דאָזיגער פאַטאַלער געשעהעניש, לאַכען מיר פון די דאָזיגע צרות. וואס עס האט–מיר און מיינע פריינד פערשאַפט, מיין „צרות"-דיגער מאָנאָלאָג.

ש. פראנק.

עזריאל יאַקובאָוויטש.

די ערשטע סליחות-נאכט.

(הכשרה-עראינערונגען)

אין אַ ווייט פערוואָרפען שטעדטיל ערגיץ הינטער די הרי-חושך אין קעלצער געגענד אין די אַזוי-גערופענע מלך-אביונ'ס גיטער, דאָרט וואו די באַהן האָט נישט קיין צוגאַנג און קיין אויטאָבוס קורסירט נישט, נאָר מיט פוהרלעך שלעפּט מען זיך שעה'נווייז און מיט אַ יודישען בעל-עגלה, וועמענס פערדיל איז שטענדיג מיעד, איינגעהויקערט און צובראָכען ווי דעם יודענס געמיט — דאָרט האָט אונז דער הכשרה-לויתן אויסגעשפּיגען.

נאָך אַ רייהע גלגולים און הכשרה-אַרבייט אין פערשידענע קלענערע און גרעסערע שטעדט האט אונז די הויפּט-אָנפיהרערשאַפט פון די הכשרה-גדודים, אַ גרופּע פון 18 מאַן, פערשיקט אין דעם שטעדטיל נאָווי-קאַרטשין אין קעלצער געגענד, בכדי דאָרט צו גרינדען אַ פרישע הכשרה-פּלוגה.

דאס שטעדטיל געפונט זיך נישט-ווייט פון דעם קור-אָרט בוסק (אינגאַנצען 18 וויאָרסט) און 12 וויאָרסט פון דעם בעקאַנטען שטעדטיל, וואו עס טאָגט זעהר פריה — פינטשעוו.

די מערקווירדיגקייט פון נ. קאַרטשין זענען די דריי טייכען: דונאַיעץ, נידא און די ווייסעל, וואס פליסען דאָרט פערביי. הינטער'ן שטעדטיל קאַן מען בעמערקען ווי דער דונאַיעץ פאַלט אַריין אין דער נידא און דאַן ווידער פון דער צווייטער זייט ווי די נידא פאַלט אַריין אין דער ווייסעל. בעזונדער שעהן איז די פּאַנאָראַמע פון אָרט, וואו די נידא פאַלט אַריין פון עטליכע מעטער הויך מיט אַ שטאַרקער קראַפט אין דער ווייסעל.

דאָס שטעדטיל פערמאָגט אַ בעפעלקערונג פון עטליכע הונדערט פאַמיליעס, דאס רוב, כמעט 90 פּראָצענט יודען.

מערקווירדיג, אַז טראָצדעם, וואָס דאָס שטעדטיל בעזיצט איינינגע הונדערט הייזקעס איז דאָרט נישט פערהאַן קיין איין גאַס אויסער אַ מאַרק, ווייל די הייזער זענען געשטעלט אָהן שום סדר; ווען די זעלבע הייזער זאָלען ווערען אַוועקגעשטעלט לויט אַ געוויסען פּלאַן וואָלטען זיי בעשטימט געשאַפען איינינגע גאַסען.

די אָרטיגע שוהל איז זעהר אַנ'אַלטע. די ווענד זענען אונגעהויער דיק, און אין אַלגעמיין איז זי געבויט ווי אַ פעסטונג. באַלד ביים איינגאַנג אין דער שוהל געפונט זיך א שטוהל, געבעט מיט רויטען פּליוש, אויף וועלכען מען האט מיט יאהרען צוריק מלה געווען. אויף דער מזרח-וואַנד פון דער שוהל געפונט זיך אַ נאָגעל, אויף וועלכען עס הענגט אַ מצה, וואס ווערט געטוישט פון פסח צו פסח.

דער בנין פון דער שוהל געפונט זיך אַ ביסעל אויסער'ן שטעדטיל שוין אויפ'ן פעלד, אויף דער אַזוי-גערופענער „בלאָניע". דאָרט געפונט זיך אויך דאס גאַנצע כלי-קודש, ווי די מקוה, דאס בית המדרש און שעכט-הויז. אויף דער „בלאָניע" געפונט זיך אויך אַנ'אַנדערע „מערקווירדיגקייט" פון שטעדטיל — דאס שטאָדטישע בית-הכסא...

און יעצט וועגען די איינוואוינער גופא.

דער גרעסטער טייל פון דער קאַרטשינער בעפעלקערונג בעשטעהט פון דאָרף-געהער. דאס וואס זיי קויפען אויף אין די אַרומיגע דערפער, פערקויפען זיי עס דאַן אין גאַליציען, ווייל דאס שטעדטיל געפונט זיך זעהר נאָהנט פון גאַליציען און דער גאַנצער האַנדעל איז קאָנצענטרירט אין יענער געגענד. גאַליציען איז אָבגעטיילט פון שטעדטיל בלויז דורך דער ווייסעל. קיין בריק איז דאָרט נישטאָ, אָבער דערפאַר זענען פערהאַן שיפערס, וועלכע פיהרען אייך אַריבער איבער „דער ווייסעל פאַר אַ זעהר קליינעם אָבצאָהל.

אַ גרויסער טייל פון דער שטעדטעלשער בעפעלקערונג בעשטעהט פון פשוט'ע אַרימעלייט, וועלכע זיצען אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָהר אויף דער מדינה און צום ווייב און קינדער שיקט מען צו די געשנאָרטע גראָשענס. דאָס לעצטע שפּיגעלט זיך אָב אויף דער פּאָסט, וואס ווערט בעלאַגערט יעדען פריהמאָרגען דורך די ווייבער, וועמענס מענער פּראַווען גלות. מיט'ן גרעסטען אונגעדולדקייט וואַרטען זיי אויפ'ן אָנגעקומענעם פדיון.

אין שטעדטיל זענען אויך פערהאַן איינינגע פערמעגליכערע יודען, וואס האַנדלען מיט האָלץ.

אין אָט דעם משונה'דיגען פאַר אונז שטעדטיל איז אונז „גרויסשטעדטישע" אויסגעקומען אָבצוריכטען אונזער הכשרה. אנפאַנג, ווען מיר האבען זיך געשטעלט אַרבייטען ביי עפענטליכער אַרבייט, פלעגען זיך אַרומשטעלען צעהנדליגער יודענעס, וועלכע האבען אונז בעדויערט מיט אַ קרעכץ און אַ „נעבעך", אַז „יודישע קינדער מוזען אַזוי שווער און ביטער אַרבייטען" א. א. וו. די אַרבייט איז באמת נישט געווען קיין לייכטע, איבערהויפּט, ווען מען האט נאָך געאַרבייט פון זון-אויפגאַנג ביז שפּעט אין אָווענד (פון קיין 8 שעה אַרבייט ווייסט מען נאָך נישט אין יענעם געגענד). דערצו האט נאָך די אַרבייט אונז גוט אויסגעמאַטערט אַזוי, אַז אַהיימקומענדיג זענען מיר געפאַלען אויף די געלעגערס, ווי די פליגען.

דעם לעצטען שבת פאַר ראש השנה, ווען מיר זענען געלעגען ביינאַכט מיעדע, אויסגעמאַטערטע פון דער שווערער וואָך אַרבייט, האבען מיר פלוצלינג דערהערט אַ געהאַקעריי אין

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

דער ימים נוראים-יריד שטעהט שוין אין פולען ברען. עס וויבעלט און שוויבעלט פון בעקאַנטמאַכונגען וועגען בתי-תפילות מיט די בעריהמטסטע חזנים און בעלי-תפילות. אויך צו די ווייבער ווערט אַפּעלירט, אַז זיי זאָלען זיך נישט לאָזען פערפיהרען... פון פאַלשע רעקלאַמעס, נאָר קומען בעוואונדערען די אמת'ע בעלי-תפילות און חזנים, וואס וועלען זיי העכסט צופרידענשטעלען.

ס'איז אויך אַ געלויף פון די פערשידענע הזנים, וועלכע זענען נאָך נישט בעזעצט און עס געהט אַ קאָנקורענץ אויפ'ן גאַנצען פראָנט.

און נישט בלויז צווישען די לעבעדיגע איז אַ יריד, נאָר אפילו ביי די טויטע אויפ'ן בית-עולם איז אַ גערודער. מען געהט אויף קבר-אבות און מען טהוט די טויטע „בעמיהען", אַז זיי זאָלען עפּיס אויסבעטען פאַר די לעבעדיגע.

די „מלא"-מאַכערס האָבען היינט דעם אמת'ן יריד. און צו די הונדערטער פונ'ם דאָזיגען מין בית-עולם-חזנים פון פאַראיאָהרען, זענען צוגעקומען פרישע, וועלכע האָבען זיך צוגעכאַפּט צו דער נייער אָבער זיכערער פרנסה-צווייג. און אויך דאָרט געהט אַ קאָנקורענץ אַזוי, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און מען וועט בעקומען אַ 3 „מלא'ס" פאַר אַ גאַנץ צעהנעריל.

עס ווערט אונטערגעהאַנדעלט מיט די אָרומיגע ישובים וועגען אַרויסנעמען היעגע בעלי-תפילה'ס. פון וועלכע ס'איז אַנ'איבערפלוס אין שטאָדט. זענען אָבער דאָ קאָנקורענטען, ווערט דאס אויך אָבגעאַרבייט בזול-הזול.

נעמט אַ בלאַט צייטונג, וועט איהר געפונען אויף דער ערשטער זייט גרויסע בעקאַנטמאַכונגען מיט'ן אַלטען בעקאַנטען נוסח: לשמוע אל הרנה ואל התפילה, און נישט בלויז אין דער צייטונג, נאָר אויף א סך פענסטער הענגען די מודעות מיט'ן בעקאַנטען נוסח.

אין יעדער פרייער שטוב, ווער שמועס — אַרגאַניזאַציעס, פעראיינס-לאָקאַלען און גלאַט שטובען, אומעטום וועט מען דאַווענען, אומעטום וועט מען מאַכען געשעפט, עס איז די צייט פון: לשמוע אל הרנה ואל התפילה.

יעמוד — דאָס שטאָדט בית-המדרש!

ענדליך וועט אין ניי-אויפגעבויטען בית-המדרש געדאַווענט ווערען די ימים נוראים.

וואָס שייך צו זאגען — די געברידער שפּאַלטען מיט ר' משה אַש און נאָך עטליכע מיטהעלפער (כאָטש זייער צאָהל איז זעהר אַ קליינע) האבען נישט קוקענדיג דערויף, וואס דאס אויפבויען דאס בית-המדרש איז געווען פערבינדען מיט אונגעהויערע שוועריגקייטען, דאָך עס צוגעפיהרט צום ציעל.

אינגאַנצען פערטיג איז עס אפילו נאָך נישט, ווייל עס פעהלען נאָך דאָרט פערשידענע „קליינינקייטען", אָבער דאס לאָזט מען איבער אויף נאָך יום-טוב—לכשירחיב. אויף די ימים טובים אָבער וועט מען שוין דאָרט דאַווענען.

א גרויסען פערדיענסט האבען אויך די יודישע צעכען, וועלכע האבען בייגעטראָגען זייער צושטייער. אזוי האט איין גלעזער (זייערע נעמען וועלען בעזונדער פערעפענטליכט ווערען), געשענקט שויבען, טישלער האבען געגעבען אַרבייטס-טעג, אויך די מאָלער האבען מנדר געווען יעדערער א טאָג אַרבייט, און דאס בית המדרש איז געמאָלט געוואָרען אונטער דער אָנפיהרונג פון זייער צעך-מייסטער ה' מאיר געלבער. אזוי האבען אויך אַנדערע מיטגעהאָלפען צום גרויסען בנין בית המדרש.

די שטאָדט-שוהל אַרבייט אויף אַלע כלים.

היות ווי חזן באַדאַש וועט שוין נישט בעווייזען צוריקצוקומען אויף די ימים נוראים, האבען די שטאָדט-שוהל גבאים איינגעלאַדען דעם ווילנער חזן ה'—בלינדער, וועלכער האט א שענעם דראַמאַטישען טענאָר און קאָן זיך גוט אויף די דראָבנע אותיות.

דאַן אַרבייט דער דיריגענט ה' ראָטענבערג מיט'ן כאָר און זינגט איין נייע שטיקלעך, וואס זאָל גאָר זיין עף-עף.

די גבאים, האַלטענדיג, אַז זיי געבען דעם עולם עפּעס נייעס, ווילען, אַז מען זאָל דינגען „שטעדט", כדי זיך אויסצושלאָגען די הוצאות, וואס זיי מאַכען.

דער עולם איז טאַקע נייגעריג און קויפט אויס שטעדט אין דער שטאָדט-שוהל. די גבאים זעהענדיג, אַז דער עולם פעראינטערעסירט זיך מיט דער שוהל, אַרבייטען דערפאַר טאַקע אויף אַלע כלים..

דער שומר-שבת'ניק פערשטעהט נישט אנדערש...

יעדען פרייטאָג פערנאַכט, ווען ר' מענדיל ז., געהט צום דאַווענען (פּונקט דאַמאַלס, ווען עס איז דער זמן פון ליכט-צינדען), געהט ער צו צו די געוועלבער און שרייט:

שבת, שבת! דאס איז משמע, אַז ס'איז שוין שבת און מען דאַרף פערמאַכען די געוועלבער.

ר' מענדיל ז. דאַווענט אין דער „אגודה" אויף קאַטעדראַלנע 13, געהט ער אַדורך די אַגראַדאָווע גאַס, וואו ס'זענען פערהאַנען בלויז יודישע געוועלבער, און האַלט אזוי אין איין שרייען: שבת, שבת!

יענע וואָך, ווען ר' מענדיל איז אַדורך די אַגראַדאָווע גאַס און ווי תמיד געשריגען: שבת, שבת!—האבען די געוועלב-אייגענטימער איהם אָנגעוויזען אויף א גרויס געשעפט אין אַנהויב אַגראַדאָווע, וואס שטעהט אָפען. דערביי האבען זיי איהם מבטיח געווען, אז אויב דער אייגענטימער פון דעם דאָזיגען געוועלב וועט פערמאַכען זיין קראָם, וועלען זיי אויך באַלד פערמאַכען. ר' מענדיל ז., וועלכער האט נישט געקאָנט חושד זיין, אז אויף דער אַגראַדאָווע גאַס, אין א יודיש הויז, וועט זיך עפענען א קריסטליכע קראָם, וואס איז נאַטירליך א קאָנקורענץ פאַר די איבריגע יודישע געוועלבער, איז אַהין אַוועק און אַריינגעשריגען: שבת, שבת! די קריסטליכע אנגעשטעלטע, זעהענדיג דעם יודען, וועלכער שרייט עפּיס: שאַבעס, שאַבעס!—פרעגען איהם אויף פּויליש: צאַ פּאַן כצע? ר' מענדיל מיינענדיג, אז דאס זענען יודען, וואס רעדען פּויליש. (א נאַאיווער יוד, דער ר' מענדיל...) האט ווייטער געהאַלטען אין איין איבער'חזר'ן: שבת, שבת! האבען זיך די קריסטליכע משרתים מיט זייער אייגענטימער צולאַכט, און די יודישע געוועלב אייגענטימער? די יודישע געוועלב-אייגענטימער האבען זיך נעביך צו-וויינט...

ר' מענדיל ז., דער שומר שבת'ניק פערשטעהט אָבער ווייטער נישט, אז דאָרט קען זיין א קריסטליך געוועלב...

חזן במקום כאָר.

אין דער נייער סינאַגאָגע וועט הייאָהר צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דער דאָזיגער שוהל נישט

אביסיניען און די נרחי-ישראל.

(סוף.)

דאס פאמיליען-לעבען.

דאס פאמיליען-לעבען ענדערט זיך נישט מיט פיעל ווי ביי אונז. זיי זע-נען מקדש די פרוי מיט א ווערט-זאך. זיי האבען אויך נאר צו איין פרוי, אין געגענזאץ צו די אביסיניער, וועלכע האלטען פון פאליגאמיע. אמת נישט אין אזא מאס ווי די ארומיגע מאכמע-דאנישע פעלקער, וועלכע האבען מעה-רערע פרויען אונטער איין דאך, אבער דאך האבען די אביסיניער צו עטליכע פרויען, איינקווארטירט אין פערשידענע ערטער. די טהרת-משפחה ווערט ביי די פאלאשען זעהר אבגעהיטען. זיי זענען זיך אפט טובל אין וואסער, לויט די דינים פון דער תורה. דעריבער בעזע-צען זיי זיך אויפ'ן ברעג פון א טייך. דער היגיענישער צושטאנד שטעהט ביי זיי דעריבער אויף א פיעל העכערער מדרגה. זיי ליידען נישט פון די ווע-נערישע קראנקהייטען, וועלכע איז ביי דער בעפעלקערונג פערשפרייט. פון נדן-צרה ווייסען זיי נישט. פערקעהרט, דער חתן מוז נאך צוצאהלען דעם פא-טער פון דער כלה.

די דערנעהנטערונג צו אונזער יו-דענטום.

ד"ר פייטלאוויטש האט זיך בעשטעלט אלס ציעל צו בעקענען די פאלאשען מיט דער העברעאישער שפראך. צו פעראיינהייטליכען זייערע מצוות און מנהגים, לויט אונזערע און זיי איינ-גלידערן אין א וועלט-יודענטום. צו דעם דאזיגען צוועק האט ד"ר פייטלא-וויטש גרופען פון בחורים-פאלאשען אראבגעבראכט און איינגעארדענט אין פערשידענע יודישע צענטערן, אויך אין ארץ-ישראל, זיי זאלען שטודירען אין יודישע סעמינאריום'ס, בעקענען זיך מיט'ן יודענטום און זיין די לעהרער און וועגווייזער פון יונגען דור—פון זייערע ברודער, די נדחי ישראל.

ביסלעכווייז מערקען זיך די פרוכ-טען פון דער אקציע. דער יונגער דור הויבט זיך אן צו בעקענען מיט דער העבראאישער שפראך, דינים און טרא-דיציעס. די אקציע ווערט אונטער-שטיצט פון אמעריקאנישען יודענטום. דער דארטיגער קייזער, פאר וועלכען ד"ר פייטלאוויטש האט זיך פארגע-שטעלט, און דורך וועלכען ער איז בעשאנקען געווארען מיט א מעדאל, האט ארויסגעוויזען גרויסע סימפאטיע פאר דעם. עס ווערט אויך אסיגנירט א גרעסערע סומע געלד אויפצובויען א העבראאישע שולע אין אדיס-אבעבא.

צי איז אביסיניען אויפנאהמ'ס פעהיג?

מיר האבען אין איין ווענ דעם ד"ר פייטלאוויטש געשטעלט די פראגע, צי איז דאס לאנד אויפנאהם פעהיג אויפ-צונעמען א יודישע איינוואנדערונג.

— דאס לאנד איז דריי פיערטעל וויסט—האט אונז ד"ר פ. געענטפערט— און דאס לעבען, ווי געזאגט זעהר פרימיטיוו. דער מאסען איינוואנדערער האט דארט נישט וואס צו טהון. עס איז אבער דארט פערהאן פלאץ פאר קאפיטאליסטישע פיאנערען, וועלכע קע-נען אויך עקספלאטירען די נאטירליכע רייכטימער, מיט וועלכע דאס לאנד איז רייך און שטעלען דאס לאנד אויף א העכערער מדרגה. די יודען זענען בטבע נישט קיין פיאנערען—בעמערקט ד"ר פ. — זיי האבען ליעב צו קומען ערשט שפעטער, ווען אנדערע האבען שוין דורכגעשלאגען א וועג. דאדורך קען פערלויפיג פון א מאסען-איינוואנ-דערונג קיין רייד נישט זיין.

המתחיל במצוה אומרים לו — גמור... אויף אונזער פראגע דעם גע-לעהרטען, צי ער רעכענט ווייטער זיך צו פערנעמען מיט דער פאלאשען-פראגע, האט ער געענטפערט, מיט א גוטמוטיגען שמייכעל א שעהן ווערטיל: „המתחיל במצוה אומרים לו גמור — זאגט דאס העברעאישע שפריכווארט — ביי יודען, אויב איינער הויבט אן צו טהון א מצוה, איז מען איהם נישט מקנא און מען זאגט איהם „גמור", זיי עומק ווייטער. אנדערש איז אבער, ווען איינער מאכט א גוט געשעפט, זעהט מען איהם שוין אונטערצוקומען, ער זאל דאס געשעפט נישט פערענדי-גען. דא, ביי די פאלאשען, זאגט מען אויך „גמור"... און איך מוז מיין ווערק דערפיהרען ביז צום ענדע.

יוסף שאיא, ווילנא.

פ. בלומענקראנץ.

גאליציאנער ישובים.

(איינדרוקען פון א גאסט אויף א ווייל).

II

רימאנוב.

רימאנוב טיילט זיך אין צוויי: אין רימאנוב-שטאדט און רימאנוב-זדרוי. די „כרך" רימאנוב, אין היפך צו קראסנא, איז שוין א שטעדטיל ווי ארויסגעלאפט פון אונזערע בעקאנטע מקומות: שמאלע ברודיגע געסלעך, וואס געהן ארויף, אראב און באלכסונ-דיג, און יודען שטעהען — ווי פרצ'עס קרעמער — ביי זייערע פראבלעמא-טישע „געשעפטען", געניצענדיג אין די „רחבות'דיגע" גאסען אריין. מיט איין ווארט: א יודיש שטעדטיל מיט אלע קלימפערלעך.

אבער מ'דארף געדענקען, אז רי-מאנוב איז א יחוס'דיגע שטאדט. אויפ'ן דארטיגען בית החיים ליגט איינער פון גאליציעס גרעסטע רביים— ר' מענדעלע רימאנובער (פריהער אין פריסטיק) ווי אויך, אז רימאנוב האט געהאט א צוויטען, גרויסען, זעהר אינטערעסאנטען רבי'ן, וועגען וועלכען ס'איז כדאי עטוואס צו דערצעהלען.

דאס לעבען פון דאזיגען אינטערע-סאנטען רבי'ן, וואס מ'האט גערופען ר' הירש רימאנובער, און איז געווען דער ממלא-מקום פון ר' מענדעלע — איז זעהר טשעקאווע.

געבוירען איז ער געווארען ביי ארי-מע, פשוטע עלטערען, וועלכע זענען איהם אפגעשטארבען, ווען ער איז אלט געווען 10 יאהר. נישט האבענדיג ווער ס'זאל זיך מיט איהם פערנעמען, לערנט זיך הערשעלע א לעננערע צייט שניידעריי. פלוצים ווערט מען אבער געוואויר, אז הערשעלע איז ענטלאפען: נאך א חקירה ודרישה איז מען דערגאנגען דאס ער איז ענטלא-פען קיין פריסטיק, וואו ר' מענדעלע האט געוואוינט, כדי צו זיין נאהנט צום דאזיגען צדיק. נאך א געוויסע צייט הונגערען, געלונגט איהם צו ווערען אויזוען-הייצער ביי ר' מענדעלען.

די חסידישע לעגענדע דערצעהלט, אז ווען ר' מענדעלע איז אריינגעקו-מען דאס ערשטע מאל אין בית-המדרש נאך הירש'עלעם איינהייצען, האט ער אויסגעשריען — „עפים פיהלט זיך היינט א ווארימע קדושה"!

דער דאזיגער אויוועו-הייצער ווערט שפעטער שמש און דערנאך דער שטעל-פערטרעטער פון ר' מענדע-לען.

נאך א כאראקטעריסטישער פאקט.

ר' הירש, דער אמאליגער שניידער-יונגעל איז זיך שפעטער משדך מיט ר' ישראל'טשע ריזשינער, וועלכער האט געהאלטען זיך פאר א שטאם פון מלכות בית דוד און גרעסטען אריסטאקראט פון זיין דור...

חסידים דערצעהלען מאקי (ציטירט לויט'ן ווערק פון יהושע ראקער „דער סאנדזער צדיק"), אז פאר די תנאים ריזשינער'ס זוהן מיט ר' הערשעלעס טאכטער, האט זיך ר' ישראל'טשע גע-וואנדען צו זיין מחותן:

— רימאנובער רבי, ביי אונז איז א מנהג, אז איידער מיר לייענען די תנאים טוען ביידע צדדים אויסרעכע-נען זייער יחוס. איך וועל אנהויבען: איך בין אנ'איניקעל פון גרויסען מגיד, אנ'אייניקעל פון הייליגען מלאך, אנ'-אייניקעל פון מיין מוטער'ס צד פונ'ם גרויסען ר' נחומ'ל טשערנאבלער, און אונזער יחוס ציהט זיך ביז ר' יהודה הנשיא, ביז דוד מלך ישראל. איצט, רימאנובער רבי, דערצעהלט אייער יחוס.

— מיין פאטער—האט אנגעהויבען ר' הירש מיט תמימות — האט גע-הייסען ר' לייביש, מיין מאמע — שפרינצע. זיי זענען געווען זעהר ארים און זעהר פרומע מענשען. ווען איך בין אלט געווארען 10 יאהר זענען זיי ביידע געשטארבען. ל'האב נישט געהאט ווער ס'זאל מיך מחנך זיין — בין איך אוועק צו א שניידער לערנען זיך שניידעריי. ביי איהם האב איך געארבייט 5 יאהר רצופים. איך האב מיך אויסגעלערנט צוויי זאכען: קיין נייע מלבושים נישט קאליע צו מאכען און אלטע — גיט צו פערריכטען.

— נענוג, גענוג — האט אויסגע-שריען ר' ישראל'טשע, הערענדיג די לעצטע ווערטער — איך ווייס שוין אלץ, לאז מען לייענען די תנאים!

און מאקי: דער גרעסטער רבי פון דער צייט האט געזאגט אויף ר' הערש, אז „עבודת ד' קען מען זיך לערנען נאר ביים הייליגען רימאנובער".

* *

אבער מ'מוז אויך א קוק-טהון אויפ'ן חלק-שני פון רימאנוב — אויפ'ן זדרוי.

דאס קוראָרט רימאנוב-זדרוי האט די זעלבע מעלות (אינשליסליך מיט דער הויפט-מעלה פון געלד-נעמען) וואס איוואניטש. אויב מ'וועט וועלען, איז עס אריגינעלער פון אנדערע בע-דער — שוין צוליעב'ן נאמען פון הויפט-וואסער. אין קריניץ, צום בייש-פיל, הייסט דער מלך פון די וואסערען „זובער" (אויסער דער קייסערין „כאטשאנובקא"), אין טרוסקאוויעץ — „נאפטושא", אין איוואניטש — „קא-ראל" און אין רימאנוב — „טיטוס".

מעגליך, אז די דירעקציע מיינט נישט דעם טיטוס טיט'ן מיק אין קאפ, אדער דער נאמען האט אויך עפיס צו זאגען — איז דאך דא א מיינונג ביי אונז, אז שמא גרים... (אנב אין דער אנטיסעמיטישער אטמא-ספער, וואס הערשט אין רימאנוב, הגם די דירעקציע בעמיהט זיך לעצ-טענס, צוליב פערשטענדליכע טעמים צו בעזייטיגען — פיהלען זיך די רעאומאטישע, סקלעראזענדיגע און סתם פיטום'ן זעהר גוט)

נור דאס אלץ נעדענקט זיך נור, ווען מ'שטעהט ביים וואסער, אדער ווען מ'איז אין די דארטיגע צוויי יו-דישע פענסיאנאטען, וואס געפונען זיך ביים אריינפאהר (א געטא בזעיר אנפין). קומט מען אדער אין וואלד אריין פערגעסט מען אין דעם אלעם.

פרעכטיגע וועלדער, פרימיטיווע און ריזיגע, רינגלען דיך ארום! זיי שטיי-גען וואס אמאל העכער און פערכאפען דיך מיט זייער נישט געקינצעלטער שענקייט. דו בלאנדזשעסט אין זיי א האלבע שעה, א שעה, און ווערסט נישט מיד אריינצוזאפען אין זיך מיט שטעדטישער אויסגעהונגערטקייט זייער רייץ. די שפרייזט אויף זייערע שפונ-דיגקייטען און זיי בעצויבערען דיך מיט זייער בראשית'דיגער פרעכטיג-קייט.

און צו דערזעהען דאס איינענא-מי-גע פון רימאנוב, דארפסטו חיים נישט געהן. ביים קומען בעמערקסטו שוין, ווי די ווילעס טובלען זיך אין גרינס, און די בעדער מיט טיטוס'ן בראש, האבען נישט אראבגעווישט פון רימא-נוב דעם חותם פון אנ'אברוה-ארט. לעזשאקעס שטעהען נאהנט פון „דעפ-טאק" און מ'רוהט אויף זיי, מרוהט מיט אלע איברים אהן „פעפען" אין גאנצען קור-ארטישען קלאפערנצייט.

ס'גנב'עט זיך פשוט אריין א קנאה-נעפיהל צו די דאזיגע מענשען, וואס ארויסבעקומענדיג זיך פון שטאדטישען גערויש, האבען די מעגליכקייט צו רוהען (ווען זיי ווילען) אבסאלוט שבת-ווינפש'דיג.

אבער סטאפ! די לעצטע צוויי ווער-טער דערמאנען אונז, אז דער שבת דערנעהנטערט זיך און מ'מוז כאפען דאס פעקעל אונטער די פיס, כדי צו קימען פעציטענס אין אונזער מקום-מנוחה, וואו גאליציאנער געוועלבערני-קעס וועלען באלד „פערמאכען" די געוועלבער, כדי צו פערקויפען פון דרויסען...

* *

אהיימקומענדיג בשלום און כאפענ-דיג א שמועס מיט א יודען וועגען רימאנובער רבי'ן, זאגט ער אונז:

— וואס קומט ארויס? אמאל האבען מיר געהאט גוטע יודען, היינט האבען מיר פאליטיק, השם ישמרנו.

און ער זאגט אונז, אגב-אורחא א ווערטיל:

— צוליב קמצא-בר קמצא איז ח"וב געווארען ירושלים. די ראשי-תבית פון קמצא בר (דער צווייטער קמצא איז נור כפל-דברים) מא-כען: קאטוניסטען, מזרחי, ציוניסטען, אגודה, בונד און רעוויזיאניסטען. מיר זענען אין גלות צוליב ארומרייסענישען און פאליטיק-טאלערי פון די פאר-טייען, וואס זענען מרופו אין קמצא-בר קמצא...

גיט דאס ווערטיל איבער אלע פרע-זעסען, וועלען זיי דעם דאזיגען יוד פון דערוויטענס „בענשען"...

זיין קיין כאר אויף די ימים נוראים.

מיינט אבער נישט, אז די גבאים האבען דאס נישט גענומען אין אכט, זיי האבען נאר געמאכט אנ'ענדערונג, דהיינו: אנשטאט א כאר, האבען זיי אנגאזשירט נאך א חזן, אזוי אז די היינטיגע ימים טובים וועלען דאווענען אין דער נייער שוהל 2 חזנים, דער אבער-קאנטאר ה' פישעל און אנשטאט דעם כאר א ניי-אנגאזשירטער חזן, אזוי, אז עס וועט זיין—

חזן במקום כאר...

מען דארף משנה השם זיין...

אויב ס'וועט עמיצער, וועלכער איז דאס לעצטע יאהר נישט געווען אין טשענסטאכאוו, וועט קומען צופאהרען אהער, וועט ער דעם נייעם מארק בשום-אופן נישט דערקאנען, ווייל אנשטאט פיהרען מיט פערשידענע דארפישע פראדוקטען, וועט ער געפינען אנ'אויס-געפלאסטערטען פלאץ. אנשטאט בלא-טעס—בלומען, אזוי ווי אין דער אלעע.

אויך דעם אלטען מארק וועט באלד נישט זיין צו דערקאנען, ווייל אויך דארט איז געקומען אנ'איבערקעהרע-ניש, אז אנשטאט די מארק-שטעהער מיט זייערע פראדוקטען און סחורות, שטעהען איצט געוועזענע סוחרים און קוקען אין הימעל אריין...

אויב אזוי איז דאך קשה: פארוואס מען איז נישט משנה השם די דאזיגע צוויי געוועזענע מיוחסים, אז אנשטאט נייער און אלטער מארק זאלען זיי הייסען:—נו, אדרבה טראכט איהר אויס עפעס א נאמען.

ווי עס זאל אבער גישט זיין, דארף מען זיי נישט רופען מיט די אלטע נעמען, נאר מען דארף זיי משנה השם זיין...

א נייער פילאנטראפישער טהוער...

יודען זענען שוין פון לאנג בעקאנט אלס רחמנים-בני-רחמנים און דעריבער איז ביי אונז טאקע פערהאנען אזוי פיעל פילאנטראפישע אינסטיטוציעס מיט פילאנטראפען.

אונזערע אחינו בני ישראל, ווי שלעכט עס זאל זיי נישט זיין, וועלען שטענדיג ארויסהעלפען כפי יכולתם. נישט מדקדק זייענדיג, ווער עס איז דער פילאנטראפישער טוער צו-וואס פאר א צוועקען די דאזיגע נדבות ווע-רען פערוועגדעט.

די וואך האט זיך אין שטאדט בע-שעפטיגט מיט אזא פילאנטראפישען טהאט עפעס א יוד, וואס קיינער קאן איהם נישט, נאר ער פערמאגט א הדרת-פנים'דיגען אויסזעהן. איז אט דער יוד ארומגעקראכען פון שטוב צו שטוב מיט א בלאטשעק אין דער האנד און צוזאמענגענומען נדבות פאר ארימע יודען אויף יום-טוב, ארויסגעבענדיג יעדען איינציגען נרבן א קוויטונג פון בלאטשעק. כדי צו זאמלען וואס מעהר, האט ער זיך אליין בע'גנב'עט, דהיינו: אנשטאט א זלאטע, וואס ער האט בע-קומען, האט ער אין קוויטאריוש ביי זיך אויפגעשריבען 2 זלאטעס, אום דאס צו ווייזען אנדערע, אז אויך יענע זאלען געבען גרעסערע נדבות.

אט אזוי האט ער געזאמעלט א שעהן ביסעל נדבות, ביז ער איז עפעס דורך א צופאל דעמאסקירט געווארען און ער איז פערשוואונדען געווארען פון טשענסטאכאווער האריזאנט, כדי אין אנ'אנדערער שטאדט זיך ווידער קאנען פערנעמען מיט פילאנטראפיע...

וקול דממה דקה ישמע...

נישט קוקענדיג דערויף, וואס היי-יאהר זענען דא בתי-תפלות עד לרוב, איז פונדעסטוועגען א גרעסערע צאהל חזנים געבליבען אהן א ברעטיל.

דרעהען זיי זיך ארום אין דער ער-שטער אלעס, ווי פערבלאנזשעטע שע-פעלעך און טראכטען: אולי ירחם, אפשר ווערט זיך דאך נאך עמיצער אנרופען די לעצטע מינוט. פערהאנען צווישען זיי אזעלכע, וועלכע האבען נאך פאר-איזאהרען געשפיעלט א גרויסע ראלע, איינגעארדענט מנינים און געקנאקט מוספים כדבעי למהוי. היי-יאהר אבער האבען זיי געהאט א „פעך". בעשטעהן זיי שוין כאטש צו פאהרען אויף דער פראווינץ, אבי צו דאווענען. ס'געהט זיי שוין נישט אזוי אין פערדיענסט, כאטש דאס איז פאר זיי א לעבענס-פראגע, ווייל דערויף קוקען זיי ארויס א גאנץ יאהר. נאר לאין ברירה בע-שטעהען זיי שוין אפילו אויף א מיני-מום, אבי נישט פערשעמט צו ווערען און בלייבען אהן א ברעטיל.

האלטען זיי זיך אין איין ארומדרע-הען אין דער ערשטער אלעע און ברו-מען אונטער א ימים נוראים'דיגען נגון, כדי מען זאל זיי דערקאנען און מען זאל זיך אין זיי דערמאנען.

עס איז דער אמת'ער קול דממה דקה...

אונזערע גבורי-ישראל.

דעם היינטיגען שבת און זונטאג וועט געפייערט ווערען דער 20-יעהרי-גער יובל פון היגען יודישען טורן-און ספארט-פעראיין, וואס איז מגולגל גע-ווארען אין „מכבי".

קומען זיך צונויף די „מכבי"-יאטען פון האלב פוילען קיין טשענסטאכאוו און דא וועלען זיי בעווייזען זייערע גבורות. זיי וועלען אונז בעווייזען, אז זיי האבען איבערגעריסען מיט דעם אלטען דעוויז: הקול קול יעקב, נאר אז עס איז אויך הידים ידי יעקב.

ווי-לאנג איז דאס, ווען מיר האבען אונזער גאנצע גבורה אריינגעלייגט נאר אין גייסט און מיר האבען זיך געסטארעט אויסצושלייפען דעם מח. וואס מעהר מען האט זיך פערטיפט אין לערנען, אלס גרעסערע מיוחסים זענען מיר געווען. היינט אבער האט זיך די לאגע געענדערט, היינט איז א יחסן דער, וועלכער האט שטארקע פויסטען.

אמאל האט א יוד מורא געהאט פאר'ן מינדעסטען שארך, היינט אבער קאנען אונזערע געבען א קלאפ צוריק און דער עיקר—דער פחד, וואס האט זיך שטענדיג געפונען אין זייערע אוי-גען איז פערשוואונדען, און דאס איז ווערט בעגריסט צו ווערען.

קומען זיי זיך צונויף קיין טשענ-סטאכאוו, וואו זיי וועלען בעווייזען זייער גבורה, אז עס וואקסט א נייער דור, א געזונטער דור, וואס וועט אומ-ענדערען די גאנצע פסיכיק פון א פאלק.

געזונד און שטארק זאלען זיי מיר זיין, אונזערע גבורי-ישראל.

לויתן.

„איינדרוקען פון ארץ - ישראל".

רעפעראַט פון פרל. דר. וועקסלער אין „וויזאָ".

פערגאַנגענעם דינסטאג איז דורך דער היגער אָבטיילונג פון פרויען-פעראיין „וויזא" איינגעאָרדענט געוואָרען א „גלעזעל-טהיי", בעת וועלכען עס איז ארויסגעטרעטען מיט א רעפעראַט וועגען איהרע „איינדרוקען פון אויפענטהאַלט אין ארץ-ישראל" פרל. ד"ר ל. וועקסלער, א טאָכטער פון פרעזעס פון קהלה-ראַט ה' חיים וועקסלער און פון דער בעוואוסטער היגער כלל-טהוערין פרוי ב. וועקסלער.

פרל. דר. וועקסלער, וועלכע איז אגב ערשט מיט א קורצער צייט צוריק געקומען פון ארץ-ישראל, האט זעהר פלאַסטיש געשילדערט דאס לעבען אין „ארץ", שטיצענדיג זיך הויפטזעכליך אויף איהרע אייגענע איבערלעבענישען און אָבסערוואַציעס. גיבענדיג א בילד פון די צוויי גרעסטע יודישע ישובים אין לאַנד, ירושלים און תל-אביב, האט פרל. וועקסלער אָנגעוויזען אויף דעם פערשידענאַרטיגען כאַראַקטער פון ביידע שטעדט. די פרעלעגענטין רעדט דאַן וועגען דעם טעטיגקייט און פערדינסטען פון הסתדרות פאר'ן אויפבוי פון לאַנד, שילדערענדיג גלייכצייטיג די גרונדפרינציפען, אויף וועלכע דער הסתדרות שטיצט זיין טעטיגקייט. זי רעדט אויך וועגען דער ראָל פון דער יודישער פרוי אין ארץ-ישראל, וועגען די קינדער, וואס זענען די פרייד און האָפנונג פונ'ם לאַנד, וועגען די אַראַבער און זייער געזעלשאַפטליכער אָבגעטיילטקייט פון די יודען, וועגען די בעציהונגען צווישען יודען און ענגלענדער, וועגען די ימים-טובים, קולט פון בלומען א. א. וו. צום סוף האט די רעדנערין אויך אָנגעוויזען אויף די פערדינסטען פון „וויזא" פאר ארץ-ישראל און פון פוילישען גענעראַל-קאָנסול דר. קורניקאָווסקי פאר די פוילישע יודען אין ארץ-ישראל.

דער אינטערעסאַנטער רעפעראַט איז אויסגעהערט געוואָרען מיט אויפמערקזאַמקייט דורך די צאָהלרייך פערזאַמעלטע מיטגלידער און געסט, וועלכע האָבען די רעדנערין בעשאָנקען מיט הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען.

פון ראַבינאַט.

דער היגער ראַבינאַט האט צוגעשיקט צום יודישען פליישער-צעך אין אונזער שטאָדט פאָלגענדע מודעה:

לויט ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען ווערט אין שטאָדטישען שחט-הויז געשחט'ען זעהר וועניג קעלבער, אַזוי, אז ס'רוב קאַלב-פלייש וואס ווערט פערקויפט דער היגער יודישער בעפעלקערונג שטאַמען פון נישט קיין כשר'ע שחיטה, דעריבער בכדי אָבצוהיטען די יודען פון עסען טרפות אויך פון טרפה מאַכען זייערע כלים, האט דער ראַבינאַט בעשטימט ארויסצוגעבען יעדע וואָך א רשימה וואו עס וועט ווערן אָנגעוויזען די היגע יודען אין וועלכע יאַטקעס מ'קען קויפען כשר קאַלב-פלייש. אין דער רשימה קענען זיך געפינען נאר אַזעלכע יאַטקעס, וואס זייערע אינהאַבער וועלען אונטערשרייבען ביים ראַבינאַט א שבועה, אַז זיי וועלען שחט'ען נאָר אין שטאָדטישען שחט-הויז.

דער ראַבינאַט רופט דעסהאַלב אויף אַלע פליישער אין פערלויף פון דער בעכסטער וואָך ד. ה. ביז ערב ראש השנה הבע"ל, זיך צו מעלדען צום ראַבינאַט פילסודסקי 11 בכדי דעם כתב-שבועה אונטערצושרייבען, דאמיט זיי זאָלען זיך געפינען אין דער ערשטער רשימה וואס וועט ווערן בקרוב ארויסגעגעבען.

חנוכת-הבית פון נייעם בית-המדרש.

דעם קומענדיגען מיטוואָך כ"ז אלול האַלב 7 אָוועגד וועט פאָרקומען א חנוכת-הבית פון ניי-אויפגעבויטען בית-המדרש. דער חנוכת-הבית וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט. עס וועלען אַרויסטרעטען מיט דרשות דער היגער רב שליט"א א. א. דער חזן מיט'ן כאָר וועלען אָבריכטען תפילת מעריב. עס וועט אויך געמאַכט ווערען הזכרות די אַלע מיטגלידער וואס האָבען געשפענדעט צו דעם צוועק און זענען אין פערלויף פון יאָהר געשטאָרבען.

איינלאַדונגען ווערען ארויסגעשיקט נאָר צו די מיטגלידער וואס האָבען מיטגעהאָלפען צו דעם בוי מיט זייערע נדבות און זענען פערשריבען אין פנקס הזהב פון בית-המדרש.

דיר. זביערסקי — סענאַטאָר פון טשענסטאָכאָוו און פאָחיאַט.

אין רעזולטאַט פון די זונטאַג'דיגע סענאַט-וואַהלען איז אַלס סענאַטאָר פון טשענסטאָכאָוו און פון פּאָוויאַט געוועהלט געוואָרען דער דירעקטאָר פון צווייטען מלוכה'שען גימנאַזיום א.נ. פון ראַמואַלד טרויגוט, ה' דאָמיניק זביערסקי.

דער נייער סענאַטאָר איז אַלט 45 יאָהר און איז אַ טשענסטאָכאָווער געבוירענער. שוין זייענדיג אין היגען גימנאַזיום איז ער געוועזען איינער פון די אָנפיהרער פון דער קאָנספּיראַטיווער יוגענד און האט זיך בעטייליגט אין בעריהמטען שולע-שטרייק אין י. 1905. ער האט דאַן שטודירט אויפ'ן קראָקאָווער אוניווערזיטעט. ביים אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה איז סענ. זביערסקי אַריינגעטרעטען אין פילסודסקי'ס ערשטער בריגאַדע. אין דעצעמבער 1914 איז ער א שווער פערוואונדעטער אַריינגעפאַלען אין פלען צו די רוסען, פון וואַנען ער איז 2 יאָהר שפּעטער ביי דראַמאַטישע אומשטענדען ענטלאָפען נאָך קראָקע.

נאָכ'ן פערענדיגען דעם אוניווערזיטעט איז זביערסקי געוועזען לעהרער פון פויליש און דאַן דירעקטאָר פון אַ פויזנער גימנאַזיום. זייט 1929 איז ער דירעקטאָר פון היגען 2-טען רעגירונגס-גימנאַזיום, ערפילענדיג זיינע פליכטען צו דער אַלגעמיינער צופרידענהייט פון די עלטערן און שילער, ביי וועלכע ער האט זיך ערוואָרבען פיעל סימפּאַטיע.

סענ. זביערסקי בעזיצט פערשידענע הויכע אויסצייכנונגען. ער איז אויך געוועזען פרעזעס פון היגען סטזשעלצעס-פערבאַנד, מיטגליד פון ביירעט ביים שטאָדט-פרעזידענט און לעצטענס אויך מיטגליד פון שטאָדט-ראַט.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג.

פאָריגען שבת אָווענד איז אין לאָקאַל פון ברית הצה"ר פאָרגעקומען א בעריכט-פערזאַמלונג פון דעם ערשט פאָרגעקומענעם גרינדונגס-קאָנגרעס פון דער נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דעם בעריכט האט אָבגעגעבען דער דעלעגאַט צום קאָנגרעס, מפקד הגליל פון ווארשא פרץ לאַסקער. אין בעריכטס-רעפעראַט האָט ער געגוי, בעלויכטען דעם גאַנצען פערלויף פון קאָנגרעס, בעהאַנדלענדיג דערביי די וויכטיגסטע פּראָבלעמען, וועלכע זענען געשטאַנען אויפ'ן טאָג-אָרדנונג פון די דעבאַטען.

דעמזעלבען שבת נאָכמיטאָג איז אין לאָקאַל פון ברית החיל פאָרגעקומען א פערזאַמלונג, אויף וועלכער ד"ר אָקסער איז ארויסגעטרעטען מיט א גרעסערען רעפעראַט א. ד. ט.: „די קאָמבאָטאַנטען און די יודישע געזעלשאַפט".

אין דער פערזאַמלונג האָבען אנטייל גענומען ביז 80 פּערזאָן דערונטער אויך א גרויסע צאָהל מיטגלידער פון „זשוב". דער רעפעראט איז געוועזען זעהר אינטערעסאַנט.

פון זש. ט. ק.

עס ווערט מיטגעטיילט אלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער, אַז פונ'ם 15-טען וואזשעשען ד. י. איז געוואָרען איבערגעטראַגען דער לאָקאַל פון דער יודישער געזעלשאַפט פאר לאַנדקענטשאַפט אין דער צווייטער אַלעע 29 (רעכטע אָפיציגע, 2 איינגאַנג, 2 שטאָק).

עס זענען פאָרגעזעהען א רייהע אויספלוגען, וועגען וועלכע ס'וועט אין די נאָהנטסטע טעג געמאָלדען ווערען.

דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג פון האַלב 9 ביז האַלב 10 אָווענד.

נדבות פאַר „תומכי עניים".

ה' יואל טויבענבלאַט און שוועסטער צו דער יאהרצייט פון זייער מוטער 20 קילאָ ברויט.

דער יודישער ספּאָרט-יום-טוב אין טשענסטאָכאָוו.

דער צוזאַמענפליה פון די „מכבי"-קלובען פון קעלצער און ביליצער קרייז, וועלכער קומט פאַר אין אונזער שטאָדט דעם 21-טען און 22-טען ד.ח. אונטער'ן הויכען פּראָטעקטאָראַט פון טשענסטאָכאָווער שטאָדט-פרעזידענט י. מאַצקעוויטש, פרעזעס פון דער טשענסטאָכאָווער יודישער גמינע י. ראָזענבערג און קאָמענדאַנט פון פ. וו. און וו. פ. קאַפּיטאַן יאַסקורזשינסקי, האט אַרויסגערופען אין אונזער שטאָדט א קאָלאָסאַלען אינטערעס.

אין פּראָגראַם זענען פאָראויסגעזעהען פאָלגענדע קאָנקורענצען: לייכט-אַטלעטיק (מענער און פרויען), נעץ-באַל (מענער און פרויען), קויש-באַל (מענער און פרויען), באָקס און פוטבאָל.

* * *

אויף דער אַקאַדעמיע, וועלכע וועט פאָרקומען שבת, דעם 21-טען אין לאָקאַל פון „מכבי", וועט אַרויסטרעטען מיט א רעפעראַט דער פרעזעס פון פוילישען וועלט-פערבאַנד „מכבי" געוו. סיים-דעפּוטאַט ד"ר ה. ראָזמאַרין, ס'וועט אויך זיין אָנוועזענד די בעקאַנטע ספּאָרט-טהוערין, רעפערענטין פאר פיזישער ערציהונג פאר פרויען מאגיסטער נאָכעמקי'ס—לעבענבוים.

* * *

די זיגער'ס פון די איינצעלנע קאַמפּען וועלען בעקומען ווערטפולע פּריזען געשאָנקען פון אָרטיגע בעקאַנטע פּערזענליכקייטען. אין אַלע סעקציעס פון טשענסטאָכאָווער „מכבי" קומען פאַר אונטער דער אויפזיכט פון אייגענע אינסטרוקטאָרען פיבערהאַפטע צוגרייטונגס - אַרבייט. אַלע ספּאָרטלער פון „מכבי" געפינען זיך אין א גלענצענדער פאָרם, אַזוי, אַז ס'איז צו האָפען דאס זיי וועלען עטליכע פּריזען אויסקעמפען פאר זיך.

דער צוזאַמענפליה וועט גלייכצייטיג זיין א צוגרייטונגס-אַרבייט צום אַלפוילישען „מכבי"-צוזאַמענפליה, וועלכער וועט פאָרקומען אין ווארשא אין יאָהר 1936.

* * *

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן צוזאַמענפליה און 20-יעהריגען יובילעאום פון יודישער ספּאָרט-בעוועגונג אין טשענסטאָכאָוו, וועט ערשיינען א ספּעציעלע יובילעאום-אויסגאַבע געווידמעט דער געשיכטע פון דער „מכבי"-בעוועגונג, ווי אויך פון די אָרטיגע יודישע ספּאָרט קלובען.

א. וו—סקי.

א התראה.

עס מעהרען זיך כסדר די פאַלען, וואס וואָלטען געדאַרפט זיין א וואָרנונג פאַר די פּערזאָנען, וואס זאַמלען אָבשפּאָרונגען.

לעצטענס האט מען א מיידעל צוגנב'עט 6.000 זל,—איהר גאַנץ פערמעגען, וואס זי האט זיך אָנגעקליבען אויף נדן. גנבים האָבען אויפגעדעקט דאס בעהעלטניש אין איהר דירה, און איהר מיה-און פּראַצע פון פיעל יאהרען איז געגאַנגען לאיבוד,

וויפיעל מאָל שוין זענען פערלוירען געגאַנגען אָבשפּארונגען צוליב גנבות, שרפות און סתם אומגליקען! דער יאוש פון געליטענעם איז גרויס. און ווען דער פּאָליציי נעלונגט אפילו צו געפינען דעם גנב, איז שוין אָפט אוממעגליך אָבצונעהמען דאס לאַנג אויסגעגעבענע געלד.

מען דאַרף זיך דעריבער וואונדערן אויף די יעניגע, וואס אַזוי פיעל טאָגטעגליכע פאַלען און ערפאהרונגען האָבען זיי נאָך נישט איבערצייגט, אז מען מוז אויף א געהעריגען אופן בעהאַלטען אָבשפּאָרונגען, וואס ווערען געקליבען מיט אַזוי פיעל מיה.

די איינציגע קלוגע געלד-לאָקאַטע איז פ. ק. אָ.

פון תנועת „תורה-ועבודה".

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יעהרליכער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וועלכע קומט פאַר חוה"מ סכות, ווי אויך די 7-טע לאַנדעס-קאָנפערענץ פון תורה-ועבודה, וועלכע קומט פאַר באַלד נאָך סכות, מאַכען מיר אויפמערקזאַם אַלע חברים ות, דאס וואַהל-רעכט צו די אויבענדערמאָנטע קערפּערשאַפטען האָבען נור די חברים ות, וואס האָבען בעצאהלט אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע חובות.

אין דער גליקליכער קאָלעקטור

S. Hafftka i S. Borzykowski, Aleja 2.

איז נעכטען ארויס אויפ'ן נומער 79.421 דאס געווינס

20.000 zł.

בעקאַנטמאַכונג.

די קהלה-פערוואַלטונג מאַכט בעקאַנט, אז אָנהויבענדיג פון זונטאג, דעם 15 ד. ח. וועלען יעדען טאָג פון 5 ביז 7 א זייגער אָווענד

פערדינגען ווערען די פּלעצער (שטעדט) פון דער שטאָרט-שוהל

פאר מענער און פרויען אויף די ימים-נוראים אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע, אַלעע 10.

טשענסטאכאוו, דעם 12 סעפּטעמבער 1935 י.

בעקאַנטמאַכונג.

דער בוי-קאָמיטעט פונ'ם שטאָרטישען בית-המדרש

מאכט דערמיט בעקאַנט, אז אין די ימים נוראים הבע"ל וועט אין

ניי-אויפגעבויטען בית-המדרש

געדאַווענט ווערען, אַזוי אין מענער ווי אין דער פרויען-אָבטיילונג.

די אַלע, וועלכע ווילען זיך פערזעהען מיט פּלעצער אויף די ימים-נוראים דאַרפען זיך ווענדען פון קומעדיגען זונטאג אָן צו פאָלגענדע פּערזאָנען: ה"ה איטשע בער ראָטבאַרט, אַלטער מאַרק; שמואל קאַפּינסקי, גלאַז-סקלאַד אַגראָדאָווע 4, ווי אויך אין בית-המדרש יעדען וואָכען-טאָג פון 10—1 פאָרמיטאג און פון 3—6 נאכמיטאג.

הסתדרות „המזרחי", „תורה ועבודה", „בעלי מלאכה דתיים".

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

שוין די העכסטע צייט צו בעזאָרגען זיך מיט בילעטען צום דאַווענען אין די ימי-נוראים אין

הערליכען לאָקאַל פון „מזרחי", אַלעע 10, 2-טער שטאָק

וואו עס וועט ווערען געדאַווענט מיט גוט-איינשטודירטע בעלי-תפלות און מיט אלע נויטיגע בעקוועהמליכקייטען, גלייכצייטיג צו זעהר צוגענגליכע פּריזען — פאַר מענער און פרויען.

מיטגלידער ווערען דיסציפּלינאַריש אויפגעפאָדערט און סימפּאַטיקער ווערען העפליך געבעטען נישט צו פערזוימען, נור בעצייטענס צו קומען אין אונזער סעקרעטאַריאט, וואו מ'בעקומט בילעטען יעדען טאָג פון 8 ביז 10 אָווענד.

כל הקודם זוכה!

אין דער שוהל „אהל יעקב"

1-טע אַלעע 4

איז דאָ צו פערדינגען פּלעצער פאַר מענער און פרויען צו דאַווענען די ימים-נוראים און א גאַנץ יאָהר.

רעפלעקטאַנטען קאָנען זיך ווענדען פון זונטאג, דעם 8 וואזשעשען אָן און ווייטער פון 4—5 נאכמיטאג אין אונזער שוהל.

די פערוואַלטונג.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

דערמיט זענען מיר מודיע, אַז ווי אַלע יאהר ווערען אויך היי-יאָהר פערקויפט

פּלעצער פאַר פרויען צום דאַווענען

אין די ימים-נוראים ווי אויך די גאַנצע ימים-טובים און סליחות

אין לאָקאַל פון ביהמ"ד ד' „בית יעקב" קאַטעדראַלנא 10

וואו עס וועלען דאַווענען בעריהמטע בעלי-תפילות.

די פרויען, וואס ווילען דערהאַלטען זייערע פאָריעהריגע פּלעצער ווערען געבעטען זיך מקדים צו זיין, כדי זייערע פּלעצער זאָלען נישט פערקויפט ווערען.

פ. ס.: יעדען טאָג פון 4—10 אָווענד אַמטירט א מיטגליד פון ועד אין לאָקאַל פון ביהמ"ד, וועלכער פערקויפט פּלעצער, וואס זענען גילטיג א גאַנץ יאָהר.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

אין דער חברה „תפארת בחורים" וואס געפינט זיך אין די גערוימע ליכטיגע זאַלען פון האַנדווערקער - פערבאַנד אַלעע № 12

איז צו פערדינגען פּלעצער אויף די ימים נוראים פאַר מענער און פרויען.

די בעסטע בעלי-תפלות.

זיך צו ווענדען יעדען טאָג פון 8—9 אָווענד אין לאָקאַל פון האנדווערקער-פערבאַנד, אַלעע 12 № צו די ח"ה: מ. בלום און מ. שער.

האַלאָ! וויעלון און אומגעגנד!

די דרוקעריי „פּאָספּיעשנאַ"

מ. פייפער, וויעלון, פּלאַץ לעגיאָנוב 14 №

מאַכט איבערראַשענד ביליג

וויזיט-קאַרטען

אויף ראש-השנה און יום כפור צו זעהר ביליגע פּרייזען.

די דרוקעריי „פּאָספּיעשנאַ" פיהרט אויס אַלערהאַנד דרוק-אַרבייט, הן יודישע, הן פוילישע, שנעל, סאָליד, מיט געשמאַק און קאָמפּאָרט לויט דער לעצטער טעכניק און בוכבינדעריי.

ביליגע פּרייזען. קומט און איבערצייגט אייך.

ס'ווערט געזוכט א פרייליין

פון אָרענטליכע עלטערן, וואס זאָל קענען גוט שרייבען און לעזען. ערפאַהרען אין רעדאַקציע.

12 שעהנע וואונשקאַרטען 1 זל.

פיהרט אויס די

דרוקעריי

ב. באַטשאַן

אַלעע 6 — טעלעפאָן 22-01.

גרויסע שרפה אין רייכמאַנ'ס מיהל אויף טאַרטאַקאָווע גאַס.

נעכטען אָרום האַלב 4 פאַרטאָגס איז אויסגעבראָכען א ריזיגע שרפה אין דער מיהל פון דער פירמע ש. רייכמאַן און ראָזענצווייג אויף טאַרטאַקאָווא 15—29. די איינוואוינער פון דער דאָזיגער גאַס זענען אויפגעוועקט געוואָרען פון שלאָף דורך די אַלאַרם-סיגנאַלען פון דער טאַרטאַק-סירענע און ווען זיי זענען צו צו זייערע פענסטער האָבען זיי דער-זעהען ווי די גאַנצע געביידע פון דער מיהל שטעהט שוין אין א ים פון פלאַ-מען און געדיכטען רויך.

עטליכע מינוט שפּעטער זענען אויפ'ן אָרט פון דער שרפה אָנגעקומען די פייערלעשער. ס'איז שוין אָבער געווען אוממעגליך אָבצוראַטעווען דעם בנין פון דער מיהל און די פייערלעשער האָבען נישט געקענט מעהר טהון ווי לאָקאַלי-זירען דאָס פייער, וועלכעס האָט בע-דראָהט זיך אריבערצוכאַפּען אויף דער דערנעבען-שטעהענדער טאַרטאַק-געביי-דע פון דער פירמע רייכמאַן און אַנדע-רע שכנות'דיגע הייזער. ווי שטאַרק דאָס פייער האָט געבושעוועט בעווייזט דער פאַקט, אַז בלויז פון דער היץ האָבען זיך אָנגעצינדען דער דאַך און די ווענד פון דער שכנות'דיגער ביורא-געביידע, וועלכעס געפינט זיך אַנ'ערך 15 מעטער פון דער מיהל. די געפאַהר פון דער שרפה איז נאָך געווען אויף אַזויפיעל גרעסער, אַז אויפ'ן פּלאַץ זענען געלע-גען פיעל ברעטער פון טאַרטאַק. אויב דאָס פייער וואָלט זיך אַלזא געווען פערשפּרייט וואָלט עס געקענט אַרומכאַ-פען די גאַנצע גאַס. צום גליק איז אָבער די פייערלעשער געלונגען די פלאַמען צו בעהערשען און די געפאַהר צו בעזייטיגען. אין בנין פון דער מיהל האָט מען אָבער גאָרנישט געקענט אָב-ראַטעווען און דאָס פייער האָט בליץ-שנעל אַרומגענומען אַלע דריי שטאָק און פערניכטעט אַנ'ערך 300 טויזענד קערץ תבואות ווי אויך די גאַנצע איינ-ריכטונג אַזוי, אַז עס זענען בלויז גע-בליבען די הוילע אדורכגעברענטע ווענט, וועלכע דראָהען איינצופאַלען.

די סיבה פון דער שרפה איז דערווייל נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען. די אַרבייטער, וואָס האָבען ביינאַכט געאַרבייט אין דער מיהל האָבען פּלוצים דערשפּירט א רויך און איידער זיי האָבען געקענט פעסטשטעלען פון וואַנען דאָס קומט, האָבען שוין ארויסגעשלאָגען פלאַמען און זיי האָבען קוים געקענט ענטלויפען מיט'ן לעבען, איבערלאָזענדיג אין דער מיהל זייערע זאַכען און ראָוועראַן.

דער שאַדען, וועלכען די שרפה האָט גורם געווען איז נאָך נישט פעסטגע-שטעלט געוואָרען. די תבואות און דער בנין זענען טיילווייז געווען אַסעקורירט.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין וואַרשאַ מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן.
2) רעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט).
3) כעמיש רייניגען און פּאַסאַגירען קאַפּעלושן.
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

די פּרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

טיכטיגער יונגערמאַן

מיט 5.000 זל. קאַפּיטאַל

וויל צוטרעטען אלס שותף צו אַ גוט פּראָספּערירענד געשעפט אָדער פאַב-ריקאַציע.

אָפּגעבען אין אַדמיניסטראַציע אַלעע 6

פאַר Ch. R.

ענטוזיאַסטישע אויפנאַהמע פאַר די זעלנער פון דער 7-טער דיוויזיע.

נעכטען נאָכמיטאָג זענען צוריקגעקו-מען אין שטאָדט פון די זומער-מאַנעוו-רעס די פּולקען פון דער 7-טער פיע-כאָטע-דיוויזיע מיט'ן נייעם אָנפיהרער פון דער דאָזיגער דיוויזיע גען. יאַנוש גאָנשאָראָווסקי אין דער שפּיץ.

די פייערליכע אויפנאַהמע פאַר די אהיימקומענדע זעלנער, וועלכע איז צוגעגרייט געוואָרען דורך א ספּעציעלען קאָמיטעט, איז אויסגעפאַלען אימפּאָזאַנט. באַלד נאָכמיטאָג האָט מען געקענט זעהען הונדערטער שול-קינדער מיט בלומען אין די הענד, וועלכע זענען געגאַנגען צו די גאַסען, וואו די סאָל-דאַטען האָבען געזאָלט אדורכגעהן. אַלע הייזער פון די דאָזיגע גאַסען זענען געווען דעקאָרירט מיט פעהנער און אויף די טראָטואַרען פון ביידע זייטען האָבען די קינדער געבילדעט לאַנגע שפּאַלערען צווישען וועלכע דאָס מילי-טער האָט פערביימאַרשירט, ווערענדיג בעוואָרפען פון אַלע זייטען מיט בלומען אונטער דער בעגלייטונג פון די בעגרי-סונגס-אויפגעשרייען פון די שילער און פערזאַמעלטע. דאָס מיליטער איז אָנגע-קומען פון דער זייט פון קאָשטשושקי גאַס, מאַרשירענדיג צום מאַגיסטראַט-פּלאַץ, וואו ס'איז פאָרגעקומען די דע-פילאַדע. אויפ'ן מאַגיסטראַט-פּלאַץ איז אויפגעשטעלט געוואָרען א ספּעציעלע טריבונע, אויף וועלכער עס האָבען זיך געפונען גען. גאָנשאָראָווסקי מיט זיין שטאַב, שטאָדט-פּרעזידענט מאַצקעוויטש, סטאַראָסטאַ ה' ראַגאָווסקי און פיעל פערשידענע רעגירונגס, קאָמונאַלע און אַנדערע אינסטיטוציעס, פאַר וועלכע די גאַנצע דיוויזיע האָט פערביידעפּילירט ביי אָרקעסטער-קלאַנגען. עס האָבען מאַרשירט די זעלנער פון 74-טען לובּ-לינצער פּולק, אָבטיילונג פון 5-טען פּולק, ראָן דער 27-טער פיעכאָטע-פּולק און דער 7-טער פּולק לייכטע אַרטילע-ריע.

נאָך דער דעפילאַדע האָבען די זעל-נער אָבמאַרשירט אין די קאַשאַרען.

צוגענומען 15 קילאָ סאַכאַרין ביי א שמוגלער.

אויף דער באַהן-סטאַציע האָט א די-זשורירענדער פּאָליציאַנט צופעליג בע-מערקט אַז עפּיס אַנ'אומבעקאַנטער בע-מיהט זיך צו בעהאַלטען אונטער'ן וואַ-גאָן פון צוג, וואָס איז געשטאַנען אויף א זייטיגער באַהן-ליניע, א בעדייטענד פּעקעל. דערזעהענדיג דעם פּאָליציאַנט האָט דער פרעמדער געפּרובט ענטלוי-פען. ער איז אָבער גלייך פערהאַלטען געוואָרען און עס האָט זיך ארויסגעווי-זען, אַז דאָס איז דער בעקאַנטער שמוג-לער, אַלעקסאַנדער וואַשינסקי (סאָביעסקי גאַס 86). אין דעם פּעקל האָט די פּאָ-ליציי געפונען 15 קילאָ סאַכאַרין.

ענטדעקט א דעפּרוידאַציע פון 9 טויזענד זלאָטעס אין אַנשטאַלט פון געגענזייטיגע פערזיכערונגען.

דעם 9 ד. ח. איז דורך אַגענטען פון היגען אויספאָרשונגס-אַמט פערהאַלטען געוואָרען דער אינקאַסענט פון אַנשטאַלט פון געגענזייטיגע פערזיכערונגען, טאַדע-אוש לעמאַנסקי (צ מאַי-גאַס 12).

לויט ווי ס'איז בעת דער אויספאָר-שונג פּראָוויזאָריש בערעכענט געוואָרען האָט לעמאַנסקי דעפּרוידירט אָרום 9 טויזענד זל., וועלכע ער האָט איינקאַ-סירט ביי פערשידענע איינוואוינער פון טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט אלס פייער-קאַסע.

די דעפּרוידאַציע האָט לעמאַנסקי אויסגעפיהרט שוין זינט א לענגערער צייט, קאָמבינירענדיג מיט'ן געלד, וועל-כעס ער פלעגט צו-ביסלעך איינצאָהלען, אויף אַזאַ אופן, אַז קיינער האָט דעם שווינדעל נישט בעמערקט און לעמאַנ-סקי האָט דורך דער צייט בעוויזען צו דעפּרוידירען 9 טויזענד זל.

בעת דער אויספאָרשונג האָט זיך לעמאַנסקי מודה געווען צו דער שולד, פערטיידיגענדיג זיך, אַז ער איז דערצו געצווינגען געוואָרען דורך די שווערע מאַטעריעלע בעדינגונגען, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען.

לעמאַנסקי איז איבערגעגעבען געוואָ-רען צו דער דיספּאָזיציע פון אויספאָר-שונגס-ריכטער.

געשטאָרבען דער דריטער קרבן פון דער בלוטיגער טראַגעדיע אין ראַטשין.

מיר האָבען שוין געמאָלדען וועגען דעם טראַגישען פאַל אין דאָרף ראַט-שין, וואו דער יונגער פויער גלאַבוס האָט אויפ'ן ערטאָטישען באַדען דערשאָ-סען זיין געליבטע, ווי אויך שווער פערוואונדעט איהר מוטער און דאַן — זיך דערשאָסען.

נאָך צוויי וואָכען שווערע ליידען איז די פערוואונדעטע 40 יעהריגע יו-זעפאַ מיידא דעם זונטאַג געשטאָרבען אין ווילעלונער שפּיטאַל.

פון י.ט.ס.פ. „מכבי".

פערענדיגט דעם באָקסער-קורס.

דער 30-שעה'דיגער באָקסער-קורס, וועלכער איז געוואָרען אָנגעפיהרט דורכ'ן באָקס-אינסטרוקטאָר ל. פּושראָווסקי האָט זיך פערענדיגט פאָריגען שבת.

די אָנטיילנעמער אין קורס האָבען, א חוץ פּראַקטישע אָנווייזונגען, אויך בע-קומען טעאָרעטישע בילדונג אין הינזיכט פון באָקס-ספּאָרט.

אין קורס, וועלכען ס'האָט איינגעאָר-דענט דער אָרטיגער „מכבי" האָבען זיך בעטייליגט 50 מיטגלידער.

דער „ערשטער באָקסער-שריט" אין טשענסטאָכאָוו.

שבת און זונטאַג איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען דער „ערשטער באָקסער-שריט" פון פריש-אויסטרענירטע באָקסער פון „מכבי".

די קאַמפען זענען געשטאַנען אויף א גענוג הויכען טעכנישען ניוואָ, אַזוי, אַז מ'האָט געהאַט דעם איינדרוק, דאָס אויפ'ן רינג געפונען זיך אַלטע רוטינירטע באָקסער. ס'איז כדאי צו דערמאָנען די צוויי באָקסער פּיעפּוש און דילעוו-סקי, וועלכע בעזיצען שוין איצט א גאַנץ שעהנע טעכניק און קענען אין דער צוקונפט פיעל דערגרייכען אלס באָקסער.

דער אינסטרוקטאָר ל. פּושראָווסקי האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר אַנ'ערשט-קלאַסיגען באָקס אינסטרוקטאָר.

אין דעם ניי געשאַפענעם טשענסטאָ-כאָווער און זאַגלעמביער באָקס-קרייז זענען פון טשענסטאָכאָוו אויסגעוועהלט געוואָרען: אלס וויצע-פּרעזעס פון קרייז פּאָרושניק דאַבראָוואָלסקי (בריגאַדאַ), פאָרזיצער פונ'ם אַמט פאַר ספּאָרט-ענינים ה' ל. ווייס (מכבי) און אלס פאָרזיצער פון ריכטער-קאָלעגיום ה' ר. בריל (מכבי).

דער קרייז ווייזט ארויס א לעבהאַפ-טע טעטיגקייט און אין קורצען וועלען זיך שוין אָנהויבען די מייסטערשאַפטס-קאַמפען פון טשענסטאָכאָווער און זאַג-לעמביער קרייז.

דער ספּאָרט-יום-טוב אין טשענ-סטאָכאָוו.

דעם 21-טען און 22-טען ד.ח. פייערט דער אָרטיגער „מכבי" זיין 20-יעהריגען יובילעאום. די צוגרייטונגען צום יובי-לעאום זענען אין פולען גאַנג. מעלדונ-גען פון ספּאָרטלער פון אַנדערע שטעדט, וועלכע וועלען אַנטייל נעמען אין ספּאָרט-יום-טוב קומען כסדר אָן.

צוליב דעם, וואָס די ספּאָרטלער פון טשענסטאָכאָווער „מכבי" געפינען זיך אין א זעהר גוטער פאָרם, וועלען די ספּאָרט-קאַמפען זיין זעהר אינטערע-סאַנט.

ספּעציעלע איינטריטס-קאַרטען פאַר די פּרעסע-פאָרשטעהער וועלען ארויס-געגעבען ווערען דאָנערשטאַג, דעם 19 ד.ח. אין לאָקאַל פון דער קאַנצעלאַריע פון 8 ביז 9 א ווייגער אָווענד. די פּרע-סע-פאָרשטעהער וועלען בעקומען ספּע-ציעלע צוגעגרייטע פּלעצער.

א. וו—סקי.

הסתדרות „המזרחי", „תורה ועבודה", „בעלי מלאכה דתיים".

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

שוין די העכסטע צייט צו בעזאָרגען זיך מיט בילעטען צום דאַווענען אין די ימי-נוראים אין

הערליכען לאָקאַל פון „מזרחי". אַלעע 10, 2-טער שטאָק

וואו עס וועט ווערען געדאַווענט מיט גוט-איינשטודירטע בעלי-תפלות און מיט אַלע נויטיגע בעק-וועהמליכקייטען, גלייכצייטיג צו זעהר צוגענגליכע פּרייזען — פאַר מענער און פרויען.

מיטגלידער ווערען דיסציפּלינאַריש אויפגעפאָדערט און סימפּאַטיקער ווערען העפליך געבעטען נישט צו פערזוימען, נור בעצייטענס צו קומען אין אונזער סעקרעטאַריאַט. וואו מ'בעקומט בילעטען יע-דען טאָג פון 8 ביז 10 אָווענד.

RODZICE ŻYDZI!

Wychowujcie dzieci swoje w duchu narodowym żydowskim! Oddajcie dzieci swoje do jedynej i znanej od lat 25-ciu

KOEDUKACYJNEJ 7-io KL. PRYWATNEJ SZKOŁY POWSZECHNEJ

z prawami szkół państwowych

Balbiny Wajnberg-Szlezyngierowej

która pod nowem kierownictwem pedagogicznem Absolwentki Uniw. Warsz. oraz Państwowego Studjum Pedagogicznego w Warszawie

MAGISTRA POLONISTYKI T. WAJNBERŻANKI

przyjmuje zgłoszenia nowowstępujących do wszystkich klas.

Kancelarja Szkoły przy ul. Aleja 8 czynna codziennie od 9—13.

Nauki judaistyczne w szerokim zakresie pod kierownictwem wytrawnego i znanego z długoletniej praktyki Prof. B. WAJNBERGA.

Dla niezamożnych dalekoidące ulgi.

Istniejące od 25-ciu lat

Roczne Kursy Handlowe, półroczne i 3 mies. Buchalteryjne

zatwierdzone przez Ministerstwo W. R. i O. P. № 20902|18 pod kier.

R. German-Szumacherowej

przyjmują zapisy kandydatów(ek). Kończącym wydaje się ŚWIADECTWA

Kancelarja: ul. Dąbrowskiego 11, mieszk. 5, front 2-gie piętro, tel. 22-75.

Tamże I-sza szkoła pisania na maszynach.

TORGSIN SSSR
OGÓLNOZWIĄZKOWE ZJEDNOCZENIE DLA HANDLU Z CUDZOZIEMC.
MOSKWA, KUZNIECKIJ MOST 14

אָנווייזונגען אויף אַלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד

אויף „טאָרגסין" נעמט אָן:

Bank Gospodarst. Krajowego און אבטיילונגען

Bank PKO. און אָבטיילונגען (22.000 שטעט קאָנטע

Państwowy Bank Rolny (פ.ק.אָ. ביי אַלע פּאָסט-

Pow. Bank Kredytowy S. A, און אבטיילונגע

Bank Zachodni S. A., Tow. „Hias", Pow

Bank Związkowy, Bank Handlowy, Bank Związku Spółek Zarobkowych, D|B T. Bunimowicz, Wilno Oddział Banku Drezdeńsk. w Gdańsku און אנדערע

חערט = בריעף נעמען אָן אַלע פּאָסט-אַמטען.

פאָדערט די נייע פּרייז-קוראַנטען מיט די פערקלענערטע פּרייזען.

אינפאָרמאַציעס ערטיילען אַלע דערמאָנטע אינסטיטוציעס און די געזעלשאַפט „היאַס"

Warszawa, Plac Grzybowski 10. Tel. 275-63.

דער טאַרפּעדאָ-צוג האָט א קנאַפּען ערפאָלג.

דער טאַרפּעדאָ-צוג, וועלכער קורסירט זינט די ערשטע טעג פון לויפענדען חודש אויף דער ליניע וואַרשאַ—קאַטאָוויץ האָט דערווייל נישט קיין גרויסען ער-פאָלג ביי די רייזענדע. די ערשטע סיבה דערפון איז דער הויכער פּרייז פון די בילעטען, וועלכער בעטרעפט אַנ'ערך 26 זל. אויך דער רייזע פּלאַן פון טאַרפּעדאָ צוג איז נישט גינסטיג פאַר א גרויסען פּאַסאַזשירען-פערקעהר, ווייל באַלד נאָכ'ן אָוועקגעהן פון מאָ-טאָר-צוג געהען אָב סיי פון וואַרשאַ סיי פון קאַטאָוויץ שנעל-צוגען, פון וועלכע די פּאַסאַזשירען ווילען בעסער געניסען, כּדי זיך איינצושפּאָרען דעם פּרייז-אונטערשיד.

עהערנעכטען איז מיט'ן טאָרפּעדאָ-צוג געשעהען א צופאַל. דער מאָטאָר איז אין מיטען וועג קאַליע געוואָרען און די פּאַסאַזשירען זענען געקומען נאָך טשענ-סטאָכאָוו מיט א ספּעציעל אַרויסגעשיק-טען צוג.

א טיכטיגער אַגענט,

וועלכער קאָן האָבען א געזיכערטע פּרנסה

ווערט געזוכט.

ווענדען זיך אין דער קאַיעטען-פאַבריק, ווילסאָנאַ 20.

KINO „EDEN".

די לעצטע טעג!

טראָץ די גרויסע קאָסטען צוגלייך מיט וואַרשאַ!

PANIENKA Z POSTE RESTANTE

פּרעכטיגע פּוילישע מוזיק. - קאָמעדיע

מיט אַלמאַ קאַר א. א.

Kino „LUNA"

צוגלייך מיט וואַרשאַ!

די ליבלינג סילוויאַ סידנעי

אין פילם

CZAR MŁODOŚCI

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבען.

יעדען טאָג 1 סעאַנס

KLEOPATIA

אָנהויב 3-30 נאָכמ. צו 25 און 40 גר.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

[illegible]